Lodzer Tageblat № 20 | Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem | פרייז 30 גראשען

לאדזשער טאגעבלאט

היינט 12 זייטען

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 100-57, פון אדמיניסטראציע 100-47.
פרייטאג, פ׳ בא, ה׳ שבט תרצ״א || 23 stycznia 1931 r. || 24-טער יאהרגאנג

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי בשנת החמשים ותשע לחייו

נ״ע חיים ב״ר דניאל ז״ל דאבראניצקי

(בעל חומה ובעל בית-חרושת)

ההלוי׳ תהי׳ היום יום ו׳ עש״ק בשעה 12 בצהרים מבית-הטהרה.

ע״ר האסון הזה מודיעה בצער עמוק

המשפחה.

נאך קורצע און שווערע ליידן איז געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר מיין ל. מאן, און אונזער הייסגעליבטער פאטער

נ״ע

מאטעל פעלדשטיין

(געוו. קאמיסיאנער)

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, 12 א זייגער מיטאג פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס זענען מודיע

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

נאך קורצע און שווערע ליידן איז געשטארבען אונזער לאנג-יעהריגער מיטגליד

מרדכי ב״ר ישראל פעלדשטיין ז״ל

צו דער לויה וועלכע וועט פארקומען היינט פרייטאג פ׳ בא (23.1) פון טהרה-הויז, ווערען געבעטען אלע מיטגלידער צו קומען אפגעבען דעם לעצטען כבוד

די פערוואלטונג ביים פערמיטלער-פעראיין

פיעטריקאווער 64

Z intencji zaślubin koleżanki
Mani Łódzkiej
z panem **Izaakiem Bergerem**
życzymy wiele szczęścia i pociechę rodzicom

Kupasowie
Sala Machtyngierówna
Tola Grosmanówna

א קעלער-לאקאל

(אויף 1 טרעפ אראפצוגעהען)

פון 4 גרויסע צימערן, יעדער צימער צו 2 הויכע פענסטער אויף פולנאצנא 16, רוג וווסכאדניא מיט עלעקטרישע בעלייכטונג, הויך, טרוקען, פאסענד אויף א לאגער אדער ווערקשטאט. פון זאפארט דירעקט פון ווירט איבערצוגעבען. צו ערפאהרען ביים הויז-ווירט פולנאצנא 16

347

לעזט דאס „לאדזשער טאגעבלאט"

טיף ערשיטערט צוליב׳ן אונערווארטעטען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען פריינד

נ״ע מאטעל פעלדשטיין

דריקען מיר אויס דער שווער-געטראפענער פאמיליע אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.

פאמיליע נאמיאט.

דאנערשטאג, ד. 22 יאנואר 1931 איז געשטארבען אונזער לאנג-יעהריגער פעראיינס-מיטגליד

נ״ע מרדכי פעלדשטיין

צו דער לויה, וואס קומט פאר היינט פרייטאג, דעם 23 יאנואר 12 א זייגער מיטאג פון טהרה-הויז, ווערען געבעטען די ה״ה מיטגלידער צאהלרייך זיך צו בעטייליגען.

די פערוואלטונג
פון לאדזשער קאמי-וואיעזשארען-פעראיין

דאנקזאגונג

דעם געשעצטען

דר. ג. ראזענבערג

איז לאדז, גדאנסקא 44, ספעציאליסט פאר אינערליכע און מאגען-קראנקהייטען, פאר דער מיהפולער און געוויסענהאפטער בעהאנדלונג פון מיין פרוי, וועלכע איז קראנק געווען און ער האט זי ארויסגעראטעוועט פון אלע קאמפליקאציעס, געפין איך פאר מיין חוב אויסצודריקען אויף דעם וועג מיין הארציגסטען דאנק און ווינש איהם ערפאלג אין זיין ווייטערדיגע מעדיצינישער פראקטיק

יוסף באנקהאלטער,

ברזשעזשינער 85.

Z powodu zgonu naszej ukochanej koleżanki

b. p.

Reginy Lererówny

szczere współczucia Rodzinie wyrażają

Regina Ptasznikówna
Lola Praszkierówna
Marjan Rapoport
Romek Berensztajn

הננו משתתפים בצערו הגדול של חברנו אברהם פלדשטיין במות עליו

אבין ז״ל

בעבודתו על שדה הציונות ימצא נחמה.

הועד המרכזי והסניף הלודזאי
של הסתדרות הנער הציוני ע״ש תיאודור הרצל בפולניה.

מ׳קען שוין חתונה מאכען

עס איז שוין פארגעברשט ביי מענדראווסקי, נאוואמיעסקא 15 שעהנע עלעגאנטע, מאדערנע אויסשטעהערס פאר לאנג-געקליידעטע פון

6 ערשטקלאסיגע מלבושים נאר פאר 200 זל.

דער אויסשטעהער בעשטעהט: 1) א ביבערופאלטען, 2) א לייכטען גארבאדין-פאלטען, 3) א ריין וואלענעם אנצוג, 4) א עכטע זיידענע יוביצע, 5) א וואַרעמער (והעלור) שלאפראק, 6) א זיידענעם שלאפראק.

קומט און איבערצייגט אייך די רעיעלקייט!

ל. מענדראווסקי, לאדז, נאוואמיעסטא 15.

געגעז בעלוינונג

6 וועקסלען זענען פערלוירען געווארען

1) אויף 169 זלאטיס אויסשטעלער מ. פ. זילבערבערג קעלץ, ארדרע וואלפשטיין, צאהלבאר ד. 30|1 2) 50 זלאטיס, צאהלבאר ד. 3|2 1931 די לעצטע זשירא גארנצארסקי 3) 50 זלאטיס, די לעצטע זשירא גארנ-צארסקי, צאהלבאר אין מערץ 1931. 4) 100 זל. צאל-באר ד. 20|2 1931 אויסשטעלער ש. ה. פיינזילבער 5) 74 זלאטיס צאלבאר ד. 6 מערץ 1931, אויסשטעלער ש. ה׳ פיינזילבער. 6) 90 זלאטיס אויסשטעלער ש. ה. פיינזילבער, די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג: בעווארענישען זענען געמאכט געווארען. אפ-צוגעבענען געגען בעלוינונג צו הערשבערג, צעגעל-ניאנא 27.

348

לוין-ארבייט

ווערט אנגענומען

פאר שטרייך-גארן-שפינעריי, צווירנעריי, רייסעריי און אויף קארד- און ענגלישע שטוהל צום וועבען — גיט זעמטליכע פאכמענישע עצות אויפ׳ן ארט.

Braeia Wołkowiez, Sucha 8/10

צופאהר מיט די טראמווייען 10, 15, 16. טעל. 84-209

טראנספארטען מיט׳ן אייגענעם אויטא-טאבאר אויף דער ליניע לאדז - ווארשא

מיר נעמען אליין אפ פון אויפגעבער און שטעלען צו דירעקט צום אפנעמער יעדע זענדונג, נישט אפ-העגגיג פון דער צאהל אדער וואג. די אויטאמאבילען שיקען מיר ארויס צוויי מאל טעגליך. די לאדונגען זענען אסעקורירט. פולשטענדיגע גאראנטיע פאר דער וואג און גאנצקייט פון די אונז אנפערטרויטע סחורות שנעל בעקוועמע און ביליגע צושטעלונג.

לאדז, יוליושא 1, טעל. 206-90

Dr. med. J. IMICH

צוריקגעקעהרט.

ספעציאליסט פאר האלז, נאז אויערען און קעהל-קאפ-קראנקהייטען

מאניושקי № 1 — טעל. 209-97

נעמט אן פון 5—7, זונטאג און חגאות פון 1—2 נאכמ.

DR. MED.

S. MAŁOWIST

ספעציאליסט פאר האלז, נאז און אויערן-קראנקייטען

Gdańska 37, tel. 115.93

ארדענירט פון 12 ביז 2 און פון 3 ביז 4 נאכמיטאג

האוניברסיטה העממית

ע״י ההתדרות הציונית בלודז

מחר בשבת 24-1, בשעה 6.30 בערב באולם ההסתדרות הציונית (צגלנינה 4) תתקיים **הרצאה השניה** משורת ההרצאות על הנושא: „יוצרי התלמוד"

המרצה: מר **א. לובאשיצקי** הכניסה חנם!

„אגודת לומדי שעורי ערב"

של הה״צ מקאזשעניץ שליט״א

דערמיט מאכן מיר בעקאנט דאס מיר האבן געגרינדעט

א „שעורי-ערב"

אויף לאגעווניצקא 9 ווי עס ווערט געלערנט טעג-ליך פון 8.30 ביז 10 אוו. דורך א מלמד מומחא.

בעמערקונג: עס ווערט געלערנט אומזיסט.

מיט אכטונג **די פערוואלטונג**

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

צוליב דעם 70-טען געבורטס-טאג-יובילעאום פון גרויסען ציוניסטישען פיהרער און שריפטשטעלער, פרעזידענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע,

נחום סאקאלאוו

קומט פאר זונטאג ד. 25/1 8.30 אווענד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגא-ניזאציע (צעגעלניאנא 4) **א פייערליכע פערזאמלונג**

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען:

דעפ. ד״ר ראזענבלאט, ד״ר י. פרענקעל און ה׳ משה לימאן.

Dr. med. P. MARKOWICZOWA

ספעציאל-ארצט פאר הויט און וועגערישע-קראנקהייטען

האט זיך איבערצויגען אויף די

Zawadzka 14, telef. 166-35

נעמט אן פון 9 ביז 11 פריה און פון 4 ביז 8 אוו.

הייל-קאסמעטישער-קאבינעט

ווינער ארטאפעדישע פראצאוניע

—אונטער אויפזיכט פון א דאקטאר ספעציאליסט— מאכט לויט גיפס-מאדעלען וווקלאדקעס נעגען פלאט-פיס קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען און אפארא-טען א. ז. וו. גדאנסקא 28 וו. 1, פון 5—7 אווענד

גאַנצע ענגלישע פּאָליציי אין ירושלים מאָביליזירט

צוליב דער לויה פון מאַכמעדאַנישען פיהרער

פאַרבערייטונגען צו דער לויה פון פיהרער פון די אַראַבישע מוסעלמענער אין ירושלים

די גאַנצע פאָליציי מאָביליזירט

ירושלים, 22. יאַנואַר. (יטא) די מוסולמענער מאַכען גרויסע פאַרבערייטונגען צו דער לויה פון פערשטאָרבענעם פיהרער פון די אינדישע מוסולמענער מאַכמעד אַלי. מען רעכנט זיך, אַז צו דער לויה זאָלען אָנקומען פיל טויזענדער אַראַבער פון גאַנצען לאַנד.

און צוזאַמענהאַנג דערמיט איז די פּאָליציי מאָביליזירט געוואָרען כדי צו פאַרהיטען פון אונרוהען.

די יודישע פרעסע האַלט זיך אין רעזערוו צו די דאָזיגע פאַרערליבקייטען.

די ווייטערדיגע אונטערהאַנדלונגען פון דער יודישער אַגענץ מיט דער ענגלישער רעגירונג

לאָנדאָן. (יטא) אויף דער שלוס־זיצונג פון ציוניסטישען אַלציאָנס־קאָמיטעט איז צוגע. אַנד. איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג, אַז דער אַקציאָנס־קאָמיטעט זאָל צוזאַמענאַרבייטען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אַגענץ און דער ווענמוועלער פאָרטזעצונג פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. דער ועד הלאומי און די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען צו שיקען זייערע פאָרשטעהער צו בעטייליגען זיך אין די בעראַטונגען.

מיטאַרבייטער פון אָרגאַן פון אַראַבישער עקזעקוטיווע אַנגעקלאָגט פאַר קאָמוניסטישע טעטיגקייט

ירושלים. (יטא) צוויי אַנגעזעהענע יפו'ער אַראַבער, דערוויש אל פעשאר און אַרעף אל אזוני, זענען צוגעצויגען געוואָרען צו גערינגפילליגער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר פיהרען אַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישען אַראַבישע אַרבייטער. ביידע בעשולדיגטע האָבען בעקומען פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט די אויפפאָדערונג איינצושטעלען אַ זיכער־הייטס־דעפּאָזיט אין דער הויך פון 140 און 150 פונט. אל אזוני איז דער יפו'ער קאָרעספּאָנדענט פון דעם האַלב־אָפיציעלען אָרגאַן פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע „אל האיאט".

אויפגעלעזט דאָס קאָנגרעס־ביורא אין קאַרלסבאַד

קאַרלסבאַד, 22. יאַנואַר. (יטא) דער לייטער פון קאָנגרעס־ביוראָ אין קאַרלסבאַד. פראַנץ קאהן האָט מיטגעטיילט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעשלוס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אָפּצולעגען דעם טערמין פון קאָנגרעס ביז יוני, האָט זיך דאָס קאָנגרעס־ביוראָ אויפגעלעזט.

ארעסטירט אינזש. שמואל ווייצמאַן אין מאָסקווא

ריגא. 22. יאַנואַר. (יטא) פון מאָסקווא מעלדעט מען מיט, אַז דאָרט איז אַרעסטירט געוואָרען אינזשיניער שמואל ווייצמאַן, אַ ברודער פון ד"ר חיים ווייצמאַן. אינזש. שמואל ווייצמאַן איז בעקאַנט מיט זיין אַלטווערטער טעטיגקייט אין דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. די ידיעה איז נאָך אָפיציעל נישט בעשטעטיגט געוואָרען.

—=0§0=—

זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
זונטאָג, דעם 25. יאַנואַר, 8.30 אין אָווענד
פיערטער און לעצטער קאָנצערט
— פון —
חיה'לע גראָבער
געוו. שוישפּילערין פון „הבימה"
אין אַ בענייטען פּראָגראַם.
צוויי איינאַקטערס פון י. ל. פּרץ
„נאָך קבורה" און „מוסר"
נייע קינדער־לידער — נייע פאָלקס־בילדער
נייע חסידישע נגונים
בילעטען פון 1.50 ביז 7.50 אין דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

אין סילעזיע ליקווידירט דאָס שטאָט־געריכט

סילעזיע. (טעלעפאָניש) דער וויסט־מיניסטער האָט פאַראָרדנעט צו ליקווידירען דאָס שטאָט־געריכט אין סילעזיע און אַלע געריכטליכע ענינים פון סילעזיע איבערטראָגען צום פעטריקאָווער געריכט.

סטודענטען שטרייק אין שפּאַניען

מאַדריד, 22. יאַנואַר. (ט) די מאַדרידער סטודענטען האָבען היינט ערקלערט אַ שטרייק אַלס פּראָטעסט געגען די אַרעסטען פון פּראָפעסאָרען און סטודענטען בעת די אונרוהען.

צום שטרייק זאָלען זיך אויך אָנשליסען די סטודענטען פון אַלע שפּאַנישע אוניווערזיטעטען.

קאָמוניסטישע אונרוהען אין כינא

לאָנדאָן, 22. יאַנואַר. (ספּ.) לויט דערהאַלטענע ידיעות פון כינא האָבען אין דער פּראָווינץ קיאַנג־סי אויסגעבראָכען קאָמוניסטישע אונרוהען. די קאָמוניסטען האָבען בעוויזען צו פאַרכאַפּען די הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ, וואָס זיי האָבען שוין אַמאָל געהאַט פאַרנומען און זי געהאַלטען בעזעצט עטליכע חדשים. לויט מעלדונגען פון שאַנכײַ האָבען די קאָמוניסטען, נאָכ'ן איינגעהמען די שטאָט אויסגעשאָכטען דריי־פערטעל טייל פון דער בעפעלקערונג.

צוזאַמענשטויס פון אַ טראַמוויי מיט אַ פּאַסט־וואָגען

נעכטען 7 פריה איז אויף עק אַנדזשעיאַ און אַלעע לאַשטשושקי פאַרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען טראַמוויי נו׳ מער 5 און אַ שווערען פּאַסט־וואָגען. דער פּאַסט־וואָגען איז אומגעפאַלען און זיך אויסגעדרעהט אויפ'ן טראָטואַר. צום גליק איז צו קיין פאַרפאַלען מיט מענשען נישט געקומען. דער פּאַסט־וואָגען און דער טראַמוויי זענען צושעדיגט געוואָרען.

קאַרטעל פון זייד־אינדוסטריעלער

דער ניי־געשאַפענער קאַרטעל פון זייד־אינדוסטריעלער אין לאָדז איז שוין צוגעטרעטען צו דער אַרבייט. אַלס פּרעזעס איז געוועהלט געוואָרען ה' עדוואַרד באַבּיאַצקי, די ה"ה שולצע און קאַראָל רייספעלד זענען מיטגלידער פון פּרע־זידיום. די ה"ה ל. ראָזענטאַל, פ. ראָזענטאַל און ה. שאַפּאָוואַל זענען מיטגלידער פון דער קאַרטעל־פאַרוואַלטונג.

—=0§0=—

דער מאָרגענדיגער באַל פון „אוזדראָוויסקאַ" אין „פילהאַרמאָניע"

שבת צו נאַכטס וועט דאָס גאַנצע קולטורעלע לאָדז זיך צוזאַמענטרעפען אויפ'ן גרויסען מאַסקען־באַל פון דער געזעל־שאַפט „אוזדראָוויסקאַ" אין די זאַלען פון „פילהאַרמאָניע". עס וועט זיין אַ נאַכט פון בערוישענדער פאַרוויילונג און פרעהליכקייט.

דער באַל־קאָמיטעט אַרבייט אונער־מידליך, כדי דאָס פּובליקום מיד צו מאַכען פון געלעכטער, טאַנץ־קאָנקורסען און פיל פיל אַנדערע אַטראַקציעס און סורפּריזען.

לאָדזער יודען! קויפט און פערשפּרייט תוצרת הארץ (א"י־פּראָדוקציע)!
שוין צו בעקומען: האָניג, שמן־זית זך (אייל), פּאָמעראַנצען, מאַנדלען, כאַלווע, דובשניות (האָניג־באַקאַליען), ביכער, אַלע אַרט בצלאל־אויסאַרבייטונגען.
בילדער א. אַ. וו. – אַלע אינפאָרמאַציעס צו בעקומען „למען ארץ־ישראל" צעגעלניאַנאַ 42 № טעלעפאָן 193-42.

מעבעל מעבעל
דעם גרעסטען און עלעגאַנטסטען אויסוואַהל פון
שלאָף צימער, עס־צימער, קינדער צימער א.א.ז.וו. קאָמפּלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק מעבעל
אַמביליגסטען און אויף די בעסטע בעדינגונגען עמפּפעהלט די גרעסטע און רעעלסטע מעבעל פירמע אין לאָדז
MARKOWICZ i NASIELSKI, PIOTRKOWSKA 6
tel. 149-71 POŁUDNIOWA 10 : פאַבריק

הריננו משתפים בצערו של חברנו פישל טסאַילר למות עליו אביו
נ"ע יעקב משה ב"ר יונה ז"ל
ברעיון תחית עמנו וארצנו ימצא תנחומים.
המורה ותלמידי הקבוצה העברית I ב
משעורי הערב העבריים „התחיה"

„הזמיר" יודישע טעאַטער סטודיע — „הזמיר" אַלעיאַ קאָשטשושקי 21.
3 פּאָפּולערע פאַרשטעלונגען פון 50 גראָשען ביז 2 זלאָטיס
היינט, פרייטאָג, דעם 23-טען יאַנואַר, 9 אַ זייגער אָווענט
די גאָלדגרעבער קאָמעדיע אין 5 אַקטען פון שלום עליכם
שבת, דעם 24-טען זונטאָג ד. 25-טען ד. ח. 9 אַ זייגער אָווענד
אין פּאָליש אויף דער קייט דראַמאַ אין 3 אַקטען פון י. ל. פּרץ.
אינסצעניזאַציע און רעזשי: אידעם, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: יצחק ברוינער, מוזיק: הענעך קאָן, פּלאַסטיק און טענץ איזאַ האַראַרי
בילעטען צו בעקומען אין דער קאַסע פון הזמיר

אַ פּראַנט = לאָקאַל
אויף פּיעטריקאָווער גאַס צווישען ציגעל גאַס און זשעלאָנאַ, בעשטעהענד פון אַ געוועלב מיט 2 גרויסע שוי־פענסטער און נעבען־צימער פון זאָפאָרט אָפּצוגעבען – עווענטועל אַ שותף צו אַן איינגעפיהרט געשעפט.
אָפערטען אינטער I. O. אָפּצוגעבען אין דער אַד־מיניסטראַציע פון „לאָדזער טאַגעבלאַט".
345

Bank Spółdzielczy
Kupców i Przemysłowców
w ŁODZI
Spółdz. z ogr. odpow. — Tel. 136.46 i 188.34
39 צעגעלניאַנאַ 39
פּראַנט 1־טער שטאָק — פּראַנט 1־טער שטאָק
נעמט אָן וועקסלען, פּראָכטען און פערשידענע דאָקומענטען אויף אינקאַסע אויף אַלע פּלעצער אין גאַנץ פּוילען ביי אַ מינימאַלער פּראָוויזיע און צאָהלט אויס דעם זעלבען טאָג, ווייזט איבער געלד אויף גאַנץ פּוילען, נעמט אָן וקלאַדען איינלאַגען, נדן־געלדער, קלענערע אָפּשפּאָרונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאַכט דיסקאָנטאָ און גיט אַרויס אוואַנסען אויף אינקאַסאָ.
ערלעדיגט אַלץ פּינקטליך און רעעל.
די באַנק איז אָפען פון 9 ביז 2 מיטאָג.

ב"ה
אספה כללית! (גענעראַל־פערזאַמלונג)
ועד ישיבת „בית אברהם" פה לאָדז על שם רבנו ראש הגולה אדמו"ר הקדוש זצלל"הה מסאכאטשאוו זי"ע מבקש לכל החברים ולכל חובבי תורה לבוא ביום א' פרשת בשלח ז' שבט שנת תרצ"א הבע"ל (25-1 1931) אל האספה כללית ללשכת הישיבה רחוב פיינסקא 1, בשעה 5 בערב. סדר־היום: א) בחירת יושב־ראש, ב) דין וחשבון משנת תר"צ, ג) ווצעוו חשבון על שנת תרצ"א, ד) הוצעות שונות, ה) בחירת ועד חדש.
הערה: באם לא יבא בשעה 5 הנ"ל מספר הדרוש, תהי' האספה בשעה 7 יום הנ"ל בכל מספר חברים — ועד הישיבה

מזל־טוב
ווינשען מיר אונזער זעהר געעהרטען שטאַרשע ה' אבא רובינאָוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער גניא מיט ה' מ. פרידמאַן
די פערוואַלטונג פון בלעכער צעך אין לאָדז פּאָלודניאָווא 4

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד
ישראל יוסף גאָלדפינגער מיט פרל. צירעל ווערדיגער
ווינשע איך אַ הערצליכען מזל־טוב
משה ווינקראַנץ

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 126-02
צוריקגעקעהרט
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציאַליסט פאַר לונגען און האַרץ־קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג־זון.
נעהמט אָן אין דערהיים פון 3—5.

לעזט און אַבאָנירט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט"

Dr. med. J. BETTE
ספּעציאַל־אַרצט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Piotrkowska 6, tel. 144-95
נעמט אָן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—6 נאָכמ.

Dr. Niewiażski
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט
פאַר סיפיליס, טריפּער און מענער־שוואַכע
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.
פאַר דאַמען ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.
אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8 ביז 10 פריה, 1—3, און 5—9 אָוו.

Dr. med. J. LUBICZ
צוריקגעקעהרט
Chirurg-Orteped
ספּעציאַליסט פון ביינער־ און געלענקע־קראַנקהייטען פאַרקרימונגען פון פּלייצעס און גלידער, ווי אויך פון גלידער שווינדזוכט.
גדאַנסקאַ 28, — טעל. 163-17
נעמט אָן פון 2 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

Dr. med. M. Lerner
קינדער־קראַנקהייטען
זאַכאָדניאַ 64, טעל. 113-09 נעמט אָן פון 3—5

Dr. med.
G. Gersztajn
ספּעציאַל־אַרצט פאַר אויגען־קראַנקהייטען
Traugutta 12 (טראַוגוטאַ)
Telefon 175-10
נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָווענד.

Dr. med H. Różaner
ספּעציאַליסט פון הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-88
נעהמט אָן פון 8—10; 5—8 אָווענד
אַ ספּעציעלער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. Med. E. Reicher
ספּעציאַל אַרצט
פאַר הויט האָר און ווענערישע קראַנקהייטען
דיאַטערמיע־בעהאַנדלונג און עלעקטראָ־טעראַפּיע
פּאָלודניאָווא 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8—11 פריה און 5—9 אָווענד. זונטאָג פון 1—1 מיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע לעשנינצע פּרייזען

Dr. A. Mazur
וואָלטשאַנסקאַ 67, — טעל. 166-01
נעמט אָן פון 10 — 1.30 און פון 4 — 6 אָווענד

Dr. med. Adam Bender
נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75

דעפוטאטען-פענסיעס וועלען פערקלענערט ווערן

היינט ענין בריסק אין יורידישער סענאט-קאמיסיע

בודזשעט פון מלוכה-פרעזידענט אין דער קאמיסיע

וואַרשע. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט האָט די בודזשעט-קאָמיסיע בײַם סיים בעטראַכט דעם בודזשעט פון מלוכה-פרעזידענט. רעפערענט דעפּ. הוטען טשאַפּסקי (ב.ב.) האָט אָנגעוויזען, אַז דער הײַיאָהריגער בודזשעט פון מלוכה-פרעזידענט איז צוליב דער שלעכטער צײַט און לויט'ן וואונש פון מלוכה-פרעזידענט פערקלענערט געוואָרען מיט 218.000 זל.

אין דער דיסקוסיע גענומט דאָס וואָרט דעפּ. טשאַפּינסקי (פ.פ.ס.), וואָס בעווהרט די פראַגע מכּה די דעקרעטען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אויפ'ן יסוד פון אַרט. 44 פון דער קאָנסטיטוציע, פאַר דער צײַט צווישען איין סיים אַנדערען, אונטערשטרײַכענדיג, אַז אייניגע דעקרעטען ערוועקען ספקות בנוגע זייער געזעצמעסיגקייט. ווײַטער זאָגט ער, אַז עס זענען געמאַכט געוואָרען צו גרויסע אויסגאַבען אויף רעפּרעזענטאַציע-בגינים.

פּרעזעס דעפּ. בירקא (ב.ב.) מאַכט אויפמערקזאַם דעפּ. טשאַפּינסקי'ן, אַז די פראַגע וועגען די דעקרעטען קאָן בעהאַנדעלט ווערן בײַם בעטראַכטען דעם בודזשעט פון מיניסטעריום-ראַט צוליב דעם, וואָס די רעגירונג טראָגט פאַר זיי די פעראַנטוואָרטליכקייט, די פראַגע קאָן אָבער ניט בעהאַנדעלט ווערן אַיצט בײַם בעטראַכטען דעם בודזשעט פון מלוכה-פרעזידענט.

דעפּ. קאַרנעצקי (ענדעק) לייגט פאָר נאָך אַ רייהע רעדוקציעס אין בודזשעט.

דעפּ. ווירזשביקאָווסקי (פויערים-קלוב) פאָדערט אַ פערקלענערונג פון די פער-זענליכע אויסגאַבען.

עס נעמט דאָס וואָרט דער שעף פון דער ציוויל-קאַנצעלאַריע פון מלוכה-פרע-זידענט, אַראַם לישעווסקי.

נאָכ'ן בעטראַכטען דעם בודזשעט פון מלוכה-פרעזידענט, איז די בודזשעט-קאָ-מיסיע צוגעטרעטען בעטראַכטען דעם פאָרשלאָג פון ב.ב.-קלוב וועגען פערקלע-נערן די דיעטעס פון די דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען מיט 15 פּראָצ.

דער ערשטער אין דער דיסקוסיע איז אַרויסגעטרעטען דעפּ. טשאַפּינסקי (פ. פ. ס.) ער איז געגען פאָרשלאָג, ווײַל די אַרבייטער-דעפּוטאַטען וואוינען געוויינ-ליך ווײַט פון וואַרשע און מוזען אויס-האַלטען זייערע פאַמיליעס אין 2 דירות. אַזוי אַרום וואָלט מען זיי דערמיט געטאָן אַנ'עולה. וואָס שייך דער אונטערשטיצ-ציע וועגען אויסצאָהלען די פּענסיעס פון סיים-מאַרשאַלעק און די וויצע-מאַרשאַל-קעס פאַר דער צײַט צווישען צווייטע סיימען, ערקלערט דער רעדנער, אַז דאָ האַנדעלט זיך אין אַ ריין פּרינציפּיעלער פראַגע, וואָרום אין 1928 האָט פּילסוד-סקי יאָ געהייסען אויסצאָהלען די דאָזיגע פּענסיעס.

דעפּ. רומאַר (נ.ד.) ערקלערט, אַז זיין קלוב איז גרייט צו שטימען פאַר'ן פאָר-שלאַג נאָר דאַן ווען די פּענסיעס פון די מיניסטאָרען און וויצע-מיניסטאָרען וועלען אויך פערקלענערט ווערען.

דער פאָרשטעהער פון די פּויערים-קלוב ערקלערט, אַז זיין קלוב וועט דאַן שטימען פאַר'ן פאָרשלאַג, ווען עס וועלען גלייכצייטיג פערקלענערט ווערען די בעאַמטען-פּענסיעס.

דערמיט איז די דיסקוסיע פערענדיגט געוואָרען. די אָפּשטימונג איבער'ן פאָר-שלאַג וועט פאָרקומען מאָרגען.

שפּעטער איז די קאָמיסיע צוגעטרע-טען בעטראַכטען דעם בודזשעט פון אַר-בײַטס-מיניסטעריום און פּאָסט-מיניס-טעריום.

אין דער דיסקוסיע האָט געהאַלטען אַ רעדע אויך דעפּ. ראָזמאַרין, וועלכער האָט אָנגעוויזען, אַז די באַהן-קאָמוניקאַ-ציע צווישען לעמבערג און וואַרשע איז זעהר אַ שלעכטע. מען מוז וואַרטען שעה'ן לאַנג אויף אַ צוג.

דעפּ. פּראַגער (פ.פ.ס.) וואַרפט פאָר דעם פּאָסט-מיניסטער, אַז בעת די וואַה-לען האָט „פּאָסט" און ראַדיאָ געשטיצט די רעגירונגס-ליסטעס. עס עקזיסטירען אויך טעלעפאָנישע אונטערהערונגען.

דערמיט האָט די זיצונג זיך געענ-דיגט.

ווער וועט זיין דייטשער געזאַנדטער אין וואַרשע

בערלין, 22. יאַנואַר. (ספּ.) די פּוי-לישע רעגירונג האָט מסכּים געווען, אַז אַלס דייטשער געזאַנדטער אין וואַרשע זאָל בעשטימט ווערען פאָן מאָלטקע.

נאָך קורציוס'עס צוריקקומען פון גענף וועט פאָן מאָלטקע שוין אויבערנעמען זיין אַמט.

ענין בריסק אין דער יורידישער קאָמיסיע בײַם סענאַט

וואַרשע. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) מאָרגען וועט די יורידי-שע קאָמיסיע בײַם סענאַט בעטראַכטען דעם ענדעקישען פאָרשלאָג וועגען ענין בריסק.

רעפערענט פון פאָרשלאַג איז דעפּ. פּאָטשעטשאָווסקי (ב.ב.)

מאָרגען וועט אויך פאָרקומען אַ זיצונג פון דער פּוד, זשעט-קאָמיסיע בײַם סע-נאַט. אויף דער טאָג-אָרדנונג געפינט זיך דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען זאַפּאַלקע-מאָנאָפּאָל און דער אויסלענדישער הלוואה.

די זיצונג פון דער אויסערן-קאָמיסיע פון סענאַט וועט פאָרקומען מאָנטאָג די 27. ד. ח.

דער פּריש-רעמאָנטירטער
רעסטאָראַן פון א. בזשעזשינסקי
נאַרוטאָוויטשאַ 31, טעל. 190-08
איז פערזעהן מיט
אַ געשמאַקע קוך, רייכער בופעט,
ווי אויך אַלערליי אינלענדישע און אויסלענדישע געטראַנקען און ווײַנען פון דער פירמע ליבערמאַן און שילדענרײַך.
כּרמל-ווײַן צו די ביליגסטע פּרײַזען!
טעליפּע מאָל אין דער וואָך טשאָלענט.

36 יודישע סוחרים פון ביאַליסטאָק אַרעסטירט

צוליב'ן חשד צו האָבען מיט 4 יאָהר צוריק אונטערגעצונדען

אַ עקספּעדיציאָנס-הויז כּדי צו בעקומען די אַסעקוראַציע-פּרעמיע

ביאַליסטאָק. (טעלעפאָניש צום „לאָדזער טאָגעבלאַט") די פּאָליציי האָט אַרעסטירט 32 אָנגעזעהענע יודישע סוחרים צוליב'ן חשד פון אונטערצינדען מיט 4 יאָהר צוריק דאָס עקספּעדיציע-הויז „פּאַראַן". פאַר דער צײַט האָבען די דערמאָנטע סוחרים שוין בעקומען אויסגעצאָהלט די אַסעקוראַציע, אַ גרויסע סומע געלד.

דער אַרעסט פון די אָנגעזעהענע יודי-שע סוחרים האָט אין ביאַליסטאָק גע-מאַכט אַ גרויסען רושם. אַ דעלעגאַציע, וואָס איז בעשטאַנען פון ראַבינער און 2 אָנגעזעהענע פאַבריקאַנטען, איינער אַ יוד און איינער אַ קריסט, זענען אַוועק צום פּראָקוראָר בעטען מען זאָל די אַרעסטירטע בעפרייען אויף קויציע. דער פּראָקוראָר האָט די בּיטע אָפּגעזאָגט, ערקלערענדיג, אַז כּל זמן די אויספאָר-שונג איז נישט פערענדיגט, קאָן מען דערפון נישט רעדען.

—==0§0==—

גנבה פון לעדער

אין יצחק גלאַז'ס לעדער-געשעפט (נאָ-וואָמיעיסקאַ 11) איז אויסגעפיהרט גע-וואָרען אַ גנבה פון לעדער פאַר עטליכע טויזענד זל. 2 פערדעכטיגע זענען פער-האַלטען.

הו'יאַנקע מיט... קלעפּ

(§) בעת אַ הוליאַנקע אויף מאַרישי-נער 9 איז מערדערליך צושלאָגען גע-וואָרען אַ געוויסע יאַנינאַ בערנאַטשאַק.

וואַצלאַוו שערעשעווסקי קאַנדידאַט אַלס מיטגליד פון מלוכה-טריבונאַל

וואַרשע. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער קאָנסטיטוציע-קאָמיסיע איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען אויסוואַהל פון קאַנדידאַטען אַלס מיטגלידער פון מלוכה-טריבונאַל. מצד'ן קלוב ב.ב. ווערט אויך אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון פּוילישען שריפטשטעלער וואַצלאַוו שערעשעווסקי, וועלכער האָט זיך אַזוי בעקאַנט געמאַכט מיט זיין קאָבלאַגראַם קעגן אַמעריקאַ וועגען ענין בריסק.

צוו. אַנד. שטעלט דער ב.ב.-קלוב אַרויס די קאַנדידאַטור פון שטיינער'ן, דעם זוהן פון בערוהמטען אַדוואָקאַט שטיינער.

די ענדעקעס שטעלען אַרויס ביעלאַווי-סקי'ן און דער פּויערים-קלוב אַרוו. האָפּ-מאַקל-אָסטראָווסקי'ן.

שטאָטישע פּאַנאָטאָוויע

(§) ווי לאַנג די לאָדזער שטאָט-פּאָ-נאָטאָוויע עקזיסטירט, האָט זי ביז'ן 1. יאַנואַר 1931 פערצייכענט 127.855 אומ-גליקס-פּאַלען. אין דעצעמבער ל. י. האָט זי ערטיילט הילף אין 608 אומגליקס-פּאַלען.

היטלעריסטען שלאָגען יודישע סטודענטען

בערלין, 22. יאַנואַר. (ספּ.) צוליב'ן פערמאַכען אַ רעכטע אָרגאַניזאַציע האָבען די היטלערישע סטודענטען היינט איינגעאָרדענט אַ גרויסע מאַניפעסטאַ-ציע אויף דער בערלינער אוניווערזיטעט, וואו זיי האָבען אויסגעהאַקט די שויבען פון אוניווערזיטעט-בנין און אין איינ-וועגס געשלאָגען יודישע סטודענטען.

מיט גרויס מיה האָט פּאָליציי די אוני-צידענטען ליקווידירט.

קלאַנג-פילם-טעאַטער
CASINO
לעצטע צוויי טעג!
„פון וואַנען מ'קאָן נישט צוריקקומען"
ערשיטערנדע עראָטישע דראַמע לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון ע. ע. קיש, רעזשיסירט: קאַראַל אַנטאָן. אַ טראַגעדיע פון אַ פער-שעמטער פרוי, ערשיטערנדע פּנים אל פּנים פון אַ טויט-פער'משפט'ען מיט זיין „טרייסטערין", די לעצטע שעה'ן פון אַ פער'משפּט'ען און... אַ פרוי...
אָנהויב 4.30, לעצטער סעאַנס 10 אָוו. שבת, זונטאָג, חגאות פריה-מאָרגענס פון 12 מיטאָג צו די נידריגסטע פרייזען פון 75 גר. אָן

17-יעהריגער יודישער בחור ווערט געשטאָכען אין צענטער שטאָט

אַ פערבלוטיגטער פאַלט ער אַריין אין לאָקאַל פון דער פאָלקס-פּאַרטיי

מיט דער הילף פון עטליכע יונגעלייט ווערען די מעסער-העלדען איבערגעגעבען דער פּאָליציי

(—) נעכטען 10 אָוונד איז דער 17-יעהריגער לייזער הערש פרענקעל פון זשע-לאָנאַ 41 אַרויסגעגאַנגען. די זשעלאָנאַ גאַס בײַם רוג וואָלטשאַנסקאַ פערטשעפּעט געוואָרען פון די פּראָסטיטוטקעס, וואָס דרעהען זיך אין יענער געגענד. די פּראָסטיטוטקעס זענען צו דעם בחור צו-געשטאַנען ער זאָל זיי געבען געלד. אַ דורכפאָרענדער איז ער אַרײַנגעלאָפען אין הויז זשעלאָנאַ 10אַ. דאָ איז ער פּלוצלינג בעפאַלען געוואָרען פון עטליכע קריסטליכע גאַסען-יונגען, וועלכע האָבען אים געשטאָכען מיט אַ מעסער אין האַנד.

אַ פערבלוטיגטער איז ער אַרײַנגעפאַ-לען אין לאָקאַל פון דער פאָלקס-פּאַרטיי, וואָס געפינט זיך אין יענעם הויז. דער עולם, וואָס איז גראָד געווען פערזאַמעלט אינ'ם לאָקאַל האָט דעם פערוואונדעטען און מיט בלוט-פערגאָסענעם בחור גע-געבען די ערשטע הילף. די אַרוים.ערו-פענע פּאָגאָטאָוויע האָט דעם פערוואונ-דעטען פערבאַנדאַזשירט און פערגרינ-גערט. צוליב דעם שוואַכען צושטאַנד האָט אים די פּאָגאָטאָוויע אָפּגעפיהרט אַהיים.

בעת דער עולם איז געווען פערנומען מיט געבען הילף דעם פערוואונדעטען האָבען זיך עטליכע פערזאָן, וועלכע האָ-בען זיך געלאָזט אין לאָקאַל געלאָזט יאָ-גען נאָך די אָנפאַלער אין בײַם רוג וואָל-טשאַנסקאַ אין בעגעגענט אַ נעבאַפעט די פיר מעסער-העלדען. די אָנפאַלער זענען אונטער אַ פּאָליציי-שמירה אָפּגעפיהרט געוואָרען אין קאָמיסאַריאַט.

ס'איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז אין דעם רוג זשעלאָנאַ—וואָלטשאַנ-סקאַ חזר'ן זיך אָפּט איבער אַזעלכע סקאַנדאַלען מיט די נאַסען-פרויען. עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז די זיכער-הייטס-מאַכט זאָל אַ סוף מאַכען צו די דאָזיגע אוואַנטורעס.

וועט דער לאָדזער מאַגיסטראַט בעקומען שטיצע פון קאָמונאַל-פאָנד?

(§) דער לאָדזער מאַגיסטראַט האָט ערהאַלטען פון אינערן-מיניסטעריום אַ צירקולאַר וועגען שטיצע פאַר קאָמונאַלע אָרגאַנען דורכ'ן קאָמונאַלען לייה- און אונטערשטיצונגס-פאָנד. הלוואות וועלען בעקומען נאָר די מאַגיסטראַטען, וואָס זייערע איינקונפטען קלעקען נישט (ניט צוליב זייער שולד) אויף צו בעפרידי-גען די נויטווענדיגסטע אויסגאַבען, וואָס געהערען אַריין אין זייער רשות. אין מערץ וועט דער קאָמונאַל-פאָנד אָפּהאַלטען אַ זיצונג און בעשטימען די הלוואות פאַר די מאַגיסטראַטען, וואָס זענען דערצו בערעכטיגט.

צי דער לאָדזער מאַגיסטראַט וועט בעקומען אַזאַ הלוואה, אָדער אונטער-שטיצונג, איז מען מסופק.

— —

שמוץ איז די הייזער

אַ גאַנצע רייה לאָדזער הויז-בעזיצער זענען בעשטראָפט געוואָרען אויפ'ן אַד-מיניסטראַטיוועג וועג צו בעצאָהלען שטראָף פון 5 ביז 30 זל. פאַר'ן אַנטי-סאַניטאַרען צושטאַנד אין זייערע הייזער.

פאַרלעזונג וועגען ערציהונג

ד"ר עקיבא אורינסאָן וועט שבת 11 פאַרמיטאָג אין קינאָ „ראַי" (פּאָלוט) האַלטען אַ רעפעראַט אין יודיש א.ד.ט. „ווי אַזוי מען דאַרף זיך ערנעהרען". דער איינגאַנג איז אומזיסט.


הונדערטער דאָקטוירים! טויזענדער קראַנקע!
האָבען אויספּראָבירט און פעסטגעשטעלט, אַז
כּרמל-ווײַן
פון באַראָן-ראָטשילד'ס ווײַן-קעלערען
איז אַן אויסגעצייכענט הייל-מיטעל
געגען דער גריפּע.

Dr. med. IGNACY MARGOLIS
אויגען-אַרצט
האָט זיך איבערגעציגען אויף
אל. קאָשטשושקי 9 – טעל. 165-61
נעמט אָן פון 1–2 און 5–7

1-2 שטיבען און קוך
זיך איך צו דינגען אויף נאָוומיעיסקאַ אָדער נעבען גאַסען מעקלער געוואונשען
שטערן קאָנסטאַנטינער 49

אַ ווילע געגען באַר געלט
געזוכט צו קויפען
אַדרעסען אין פערמאַכטע קאָנווערטען אָפּצו-געבען אין אַדמיני. פון „לאָדזער טאָגעבלאַט"
– מעקלערס געוואונשען –

שרייבען שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף
ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס. אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען בריף אין 15 טעג, אַפילו דעם וואָס קען גאָרניט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.
זאַוואַדזקאַ 19 ו ש, פּר

ציון
אלומות ברכות אנו מגישים לחברינו המסורים סגן יו"ר אגודתנו
מר משה רוזנברג לאירושין
את מרת דינה רוטנברג
ומר ישראל יוסף גולדפינגר לאירושיו
את החברה צירל וורדיגר
תהי' דרככם בחיים צלחה ובנו את ביתכם על מרומי הרי ציון בכוח תורה ועבודה
והחברים של „צעירי מזרחי" בלודז

צו דער חתונה פון אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליד
הערש לייב אָרנשטיין
מיט פרל. בערגער
ווינשען מיר אַ הערצליכען מזל-טוב!
חברה הדרת צעירים
ווסכאָדניאַ 27

Dr. L. PIKIELNY
UROLOG
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָז, אורין-קראַנקהייטען
Nawrot 8. telefon 219-90
נעמט אָן פון 4-7 אָוונט

אַ זאַל
אויפ'ן ערשטען שטאָק. די גרויס 32×19×39 מעטער אין צענטער פון שטאָט מיט צענטראַל-הייצונג, עלעקטריע און גאַז-בעלייכטונג, וואַסער לייטונג און קאַנאַליזאַציע. פּאַסענד אויף אַ פּראַ-צעוניע, לאַגערן, ספּאָרט-קלוב א.ד.גל. פון זאָ-פאָרט צו פערמיטען. (עווענטועל צו געניסען פון דער באַהן-צופוהר-ליניע). אָפּערטען אונטער „Sala" אָבצוגעבען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" 358

בײַ אַ בעסערע פאַמיליע
קאָן אַ יונגערמאַן אָדער אַ פרייליין בעקומען לאָזשי. צו ערפאַהרען בזשעזינער 13 בײַ באָס

קוואַליפיצירטע נייער (ין)
אויף אַ גומע-מאַשין צו דאַמען-רעפאָרם ווי אויך אויפערלאַק נייער (ין) ווערען זאָפאָרט געזוכט.
צו ערפאַהרען בײַ גוטקינד, פּיעטריקאָווער 14

האַנדעלס-פּאַטענטען 1931
ערלעדיגט דאָס ביוראָ „אַרגוס"
זאַכאָדניאַ 36, טעל. 108-47.

דער רושם פֿון די ארויסטרעטונגען אין גענף וועגן די דייטשע אנקלאגעס געגען פוילען

דער רושם פֿון זאַלעסקי'ס רעדע אין גענף

פּאַריז, 22. יאַנואַר. (ספּ.) די גאַנצע פּאַריזער מאָרגען-פּרעסע פֿאַרנעהמט זיך מיט דער נעכטיגער זיצונג פֿון פֿעלקער-בונד-ראַט און קאָמענטירט לעבהאַפֿט די זאַלעסקי'ס און קורטיוס'עס רעדעס. די צייטונגען דריקען אויס די האָפֿנונג, אַז עס וועט געלונגען דעם ענין צו ערלעדיגען דורך אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל מעגליך מאַכען אַ פֿאַרזיכערונג די אַטמאָספֿערע אין גענף.

דער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿון „פּטי פּאַריזיען", וואָס ווײַלט אין גענף אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון זײַן צײַטונגען, מעלדעט, אַז דער מיינונגס-אויסטויש צווישען קורטיוס'ן און זאַלעסקי'ן טראָגט נישט קיין כאַראַקטער פֿון אַ דועל אויף טויט און לעבען. ד"ר קורטיוס האָט זיך נישט געלאָזט איבערצײַגען פֿון די אַנ-ווײַזונגען פֿון די היטלעריסטען און האָט געהאַלטען זײַן רעדע אין אַ'אַקאַדעמי-שען טאָן.

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „פּטי זשורנאַל" בעהויפּטעט, אַז דער דײַטש-פּוילישער קאָנפֿליקט צוליב די פֿאַרפֿאַלען אין אויבער-שלעזיען, האָט נישט אָנגענומען קיין שאַרפֿע פֿאָרם.

באַנדיטען ארויסגעריבען א צוג און דער'הרג'עט א פּאַסאַזשיר

ניו-יאָרק, 22. יאַנואַר. (ט) 6 פֿערמאַסקירטע באַנדיטען האָבען אָנגע-שטעלט דעם עקספּרעס-צוג רעטראָיט—משיקאַגאָ און בערויבט אַלע פּאַסאַזשי-רען. אײַן פּאַסאַזשיר, וואָס האָט גע-שטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָבען די באַנ-דיטען דערשאָסען און דאַן זענען זיי ענטלאָפֿען.

—0—

„הבימה" אָפּגעפֿאָהרען קיין א"י

לאָנדאָן. (יטא) די „הבימה" האָט שוין פֿערלאָזען לאָנדאָן און אָפּגעפֿאָה-רען קײַן ארץ-ישראל.

פֿויערים דערשרעקען זיך פֿון א באהן אויף א קינא עקראַן

און צעטראַמפּלען אײנעם דעם אנדערען אנטלויפֿענדיג איז בהלה

בודאַפּעשט, 22. יאַנואַר. (ט) די „רעגמי-פּעסט" מעלדעט פֿון בוקאַ-רעסט: אין דאָרף נעאַראַווענט האָט פּאַסירט אַ'אומשטענדלעכער צופֿאַל, וואָס איז אַ זעלטענהייט אין זײַן אַרט. אין דאָזיגען דאָרף איז געקומען אַ וואַנדערער קינאָ, וואָס האָט דעמאָנסטרירט אַ בילד, אין וועלכען מען האָט אויף דער לײַוואַנט געזעהען פֿאָהרען אַ באַהן. די באַהן האָט זיך אויף דער לײַוואַנט אַזוי דערנעהנ-טערט צום פּובליקום, אַז עס איז ענט-שטאַנען אַ פּאַניק. דער דאָרפֿישער פּינס-טערער המון האָט געמיינט, אַז אָט אָט פֿאָהרט איבער זיי אַריבער די באַהן. עס איז געוואָרען אַ געלויף און אַ געדראַנג. מען האָט געשריגען „ראַטעוועט אונז". אײנער איז געטרעטען איבער'ן אַנדער'ן אַנדע-רען און דער סוף איז געווען, אַז 12 פּערזאָן זענען שווער פֿערוואונדעט גע-וואָרען.

חוג „אחדות" של „החלוץ-המרכזי" צעגעלניאַנע 4

שבת דעם 24 יאַנואַר 8 אָוונט קומט פֿאָר אַ רעפֿעראַט פֿון ח' טעמפּעלהאָף אויף דער טעמע: „די יעצטיגע לאַגע אין ציוניזם און די חלוצישע עליה".

אַלע חברים-ות ווערען אויפֿגעפֿאָ-דערט פּינקטליך צו קומען.

די צייטווייליגע הנהגה

ערד-ציטערניש אויף דער אינזעל יאווא

באַטאַוויאַ, 22. יאַנואַר. (ספּ.) דאָ איז פֿאָרגעקומען אַן'ערד-ציטערניש. 18 מענשען זענען אומגעקומען און 40 זע-נען פֿערוואונדעט געוואָרען, פֿון זיי 5 שווער. הונדערטער הײַזער זענען חרוב געוואָרען.

פֿאָלקס-אוניווערזיטעט בײַ דער ציונ. ארגאַניזאַציע

מאָרגען שבת, האַלב 7 אָוונט קומט פֿאָר אין דער פֿאָלקס-אוניווערזיטעט (צעגעלניאַנע 4) אַ פֿאָרלעזונג און העב-רעאישער שפּראַך פֿון ה' א. לובאַשיצקי: א.ד.ט. „די שעפֿער פֿון תלמוד" („יוצרי התלמוד" — צווייטע פֿאָרלעזונג). אייַנ-גאַנג איז פֿרײַ.

פֿון „החלוץ המרכזי" ציגעל-גאַס 4

שבת דעם 24. ד.ח. קומט פֿאָר אַ שיחת חברים. רעפֿערענט ח. מאַרגאַליס.

אַלע חברים-ות ווערען אויפֿגעפֿאָדערט צו קומען פּינקטליך.

דער ועד

א רבנישע חתונה אין לאדז

היינט קומט פֿאָר אין לאָדז אַ רבנישע חתונה. דער לאָדזער הרב ר' הערציל תּאַרצשטאַרק מאַכט חתונה זיין טאָכ-טער. דער חתן איז אַ זוהן פֿון היגען שוחט מענדעל אייזענשמידט. צו דער חתונה ווערט ערוואַרט אַ סך רביים און רבנים פֿון דער פּראָווינץ.

פּאָל. קאַסטעק ביערנאַצקי האָט סימפּאַטיעס... פֿאַר ד"ר ליבערמאַנ'ען

„גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" וועגען דער מעשה בריסק

„ראָבאָטניק" שרײַבט:

מיר דערוויסען זיך, אַז פּולק. קאַסטעק ביערנאַצקי האָט די פֿאָריגע וואָך געהאַט אין וואַרשאַ אַ פֿאָרלעזונג וועגען בריסק.

די פֿאָרלעזונג איז פֿאָרגעקומען אין אַ געשלאָסענעם זאַל פֿון ב.ב. און מען האָט נאָר צוגעלאָזט אײנגעלאַדענע געסט.

קאַסטעק ביערנאַצקי האָט אין זײַן צוויי-שעה'דיגען רעפֿעראַט געשילדערט די בעצויהונגען אין בריסק, אַז דער רי-גאָר איז ווירקליך אַ שטרענגער אָבער דער רעגולאַמין איז בשום אופֿן נישט איבערגעשריטען געוואָרען. עס איז אויך שקר, אַז עמיצער זאָל האָבען בעקומען געשלאָגען, אָדער מען זאָל זיך איבער איהם לוסטיג געמאַכט און וואָס שייך דעם. ליבערמאַן איז אַנ'אַבסורד צו דענ-קען, אַז מען זאָל איהם האָבען געפּײַ-ניגט אין בריסק, וואָרום ער (פּולק. קאַס-טעק-ביערנאַצקי) האָט צו איהם אַ גע-פֿיהל פֿון דאַנקבאַרקײַט.

• • •

די סאַנאַציאָנישע „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" פֿערעפֿענטליכט אַ לענגערען אַרטיקעל וועגען דער מעשה בריסק, וואו זי שרײַבט:

בריסק האָט געמוזט קומען. מיט בריסק האָט מאַרשאַל פּילסודסקי בע-זײַטיגט די אומצופֿרידענהייט פֿון די מאַסען, וואָס איז אַרויסגערופֿען געוואָ-רען אין יאָהר 1917, ווען דער מאַרשאַל האָט אַזוי הומאַניטאַר בעהאַנדעלט די פֿערשווערער, צוליב דעם וואָס עס זענען נישט בעשטראָפֿט געוואָרען די אָרגאַני-זאַטאָרען פֿונ'ם אָנפֿאַל אויף דער נאַ-ציאָנאַלער פֿערזאַמלונג און יאָהר 1922, און צוליב די מעשים פֿון „פּליטונגען קערניק" און קראָקאָ.

אַזאַ אָדער אַנ'אַנדערע בעהאַנדלונג פֿון די אַרעסטירטע אין בריסק איז פֿאַר די מאַסען אַ צווייט-ראַנגיגער ענין — יעדער קאָן דעם דאָזיגען פֿאַקט אָפּשאַ-צען ווי ער וויל — אָבער דער פֿאַקט בלײַבט פֿאַקט".

די צײַטונג רעדט ווײַטער אַרום די רעפֿאָרמען איבער'ן ענין בריסק און דעם יורידישער קאָמיסיע בײַם סיים און זי קומט צו אויספֿיהר, אַז די אָפּאָזיציע וויל מיט איהרע אַלאַרמען און פּרא-טעסטען מאַכען אַנ'אַטענטאַט אויפֿ'ן אונאָפּהענגיגען גערוכט אין פּוילען.

ערשטער יודישער קלאַנג-שלאַגער מיט אַנטייל פֿון „הבימה" אַרטיסטען

„צווי פּרעמדע וועלטען"

שוידערליכע פּאָגראָם-סצענעס!
האַרצרייסענדע טראַגעדיע!
מיטרייסענדער אינהאַלט!

עס נעמען אַנטייל וועלט-בעקאַנטע אַרטיסטען אונטער רעזשיסעריע פֿון

E. A. Dupont

דער גרעסטער שלאַגער פֿון

Grand Kino

צום 70-יעהריגען געבורטס-טאָג פֿון נחום סאָקאָלאָוו

פֿייערליכע פֿערזאַמלונג איז ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. — פֿייערונגען אין „אהל יעקב"

הײַנט פֿײַערט די ציוניסטישע וועלט און דאָס נאַציאָנאַלע יודענטום דעם 70-יעהריגען געבורטס-טאָג יובילעאום פֿון גרויסען ציוניסטישען פֿיהרער און שריפֿט-שטעלער, פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטי-שער עקזעקוטיווע, נחום סאָקאָלאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָר-רענט איין די היגע ציוניסטישע אָרגאַ-ניזאַציע זונטאַג דעם 25. ד.ח. 8.30 אָוו. אין אייגענעם לאָקאַל (צעגעלניאַנע 4) אַ פֿײַערליכע פֿערזאַמלונג. מיט רעדעס וועגען דער פּערזענליכקייט פֿון סאָקאָ-לאָוו, זיין שאַפֿען און ציוניסטישער טע-טיגקייט וועלען אַרויסטרעטען: דעפּ. ד"ר ראָזענבלאַט, ד"ר ירמיהו פֿרענקעל און ה' משה לימאַן.

• • •

צוליב'ן 70. געבורטסטאָג פֿון נחום סאָקאָלאָוו אָרדענט אײַן די שוהל „אהל יעקב" גראַניטנאַ 18) 2 פֿײַערונגען: א) הײַנט פֿרײַטאָג צו קבלת-שבת — אַ פֿײַ-ערונג פֿאַר דער יוגענד מיט דער בע-טײַליגונג פֿון ד"ר י. פֿרענקעל, ב) מאָר-גען שבת פֿריה בײַם דאַווענען — אַ פֿײַ-ערליכע תפֿלה. מיט אַ רעדע אין דער העברעאישער שפּראַך וועגען נחום סאָ-קאָלאָוו, זײַן פּערזענליכקײַט און ווירקען וועט אַרויסטרעטען ה' א. לובאַשיצקי.

דער נייער פּראָצענט איז ציוניזם

בעריכטס-פֿערזאַמלונג איז „התאחדות"

די „התאחדות" אין לאָדז אָרדענט אײַן מאָרגען שבת אַ בעריכטס-פֿערזאַמ-לונג פֿון דער לעצטער סעסיע פֿון אַק-ציאָנס-קאָמיטעט אין לאָנדאָן. ס'וועט רעפֿערירען ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער, מיטגליד פֿון אַקציאָנס-קאָמיטעט, וועל-כער האָט זיך אין דער לעצטער סעסיע פֿון אַקציאָנס-קאָמיטעט בעטייליגט.

אימפּפֿונגען געגען פּאָקען

די געזונדהייטס-אָבטיילונג בײַם מאַ-גיסטראַט וועט דעם 8., 9. און 10. מאַי דורכפֿיהרען אומזיסטע אימפּפֿונגען געגען פּאָקען-קראַנקהייט פֿאַר די קינדער, וואָס זענען געבוירען אין יאָהר 1930.

פֿילהאַרמאָניע

דאָנערשטאָג ד. 29 יאַנואַר ד. י. 8 אַ זייגער אָוונט וועט פֿאָרקומען אין זאַל פֿילהאַרמאָניע נאַרוטאָוויטשאַ 20 אַ פּרעלעקציע-אָוונט

א. נ.

„וויסטראַ" און איהר נייעסטע פֿערווענדונג אין טעקסטיל"

פֿערבינדען מיט דעמאָנסטרירונג פֿון אינלענדישע און אויס-לענדישע אויסאַרבייטונגען.

עס וועלען רעפֿערירען די בעסטע אויסלענדישע פֿאַכמענער.

נאָמענטליכע איינלאַדונגען גיט אַרויס אין די ביוראָ-שעה'ן

VISLANA-Ajentura

Łódź, Traugutta 5, Telefony: 181-52 i 184-42.

ערקלערונג

אין די לעצטע טעג פֿערמעהרען זיך אָנפֿראַגען, אויף אוי-סער אונזערע זעלבסט-טעטיגע אויטאָמאַטען אונטער'ן רעגיסט-רירטען נאָמען „Photomaton" וועלכע פֿיהרען אויס פֿאָ-טאָגראַפֿיעס אָהן יעטוועדער מענשליכער הילף, זענען נאָך פֿאַרהאַן אַנדערע פֿון דעם מין אַפּאַראַטען.

אַזוי, ווי עס האָבען זיך בעוויזען עפּעס שלימזל'דיגע נאָכ-מאַכונגען, וועלכע זענען ענליך צו אונזערע „Photomaton" נאָר מיט זייער אויסערליכען אויסזעהען, און אפֿילו מיט די גע-מאָלעכץ און פֿערשידענע אַגענטען טוען מיט כח צורעדען די בעפֿעלקערונג אויף בעשטעלונגען, ערקלערען מיר עפֿענטליך, אַז סיי נישט אין פּוילען, סיי נישט אויף דער גאַנצער וועלט זענען ביז הײַנט נישט פֿערהאַן קיין שום אַנדערע אויטאָמאַטען, וואָס זאָלען זעלבסטעטיג יעדע 7 מינוט אויספֿערטיגען 6 אויפֿנאַמען אין 6 פֿערשידענע פּאָזעס.

די מינדערווערטיגע אַנדערע כלומר'שטע אויטאָ-מאַטען אַרבײַטען מיט הינטער דער וואַנט פֿון אַפּאַראַט בעהאַלטענע מענשען.

מיר מאַכען אויפֿמערקזאַם, אַז ביז צום אָפּרופֿען געפֿינט זיך נאָר אויף פּיעטריקאָווער 88 „Photomaton", אויף רע-קלאַמע, און כדי, די ברייטסטע קרייזען פֿון די בעפֿעלקערונג זאָלען זיך קאָנען איבערצייגען וועגען אונזער אמת'ן אויטאָמאַט וועלען מיר אויספֿערטיגען 6 פֿאָטאָגראַפֿיעס אין 6 פֿערש. פּאָזעס.

3 פּאָסטקאַרטלעך — פֿאַר 1,80 זל. — „ 1,20 „

צוזאַמען 3 זל.

מיט אַכטונג

„Photomaton"

Pensjonat i Internat
dla dzieci i młodzieży

„BAJKA"

EWY WOLRAUCHOWEJ

OTWOCK Gliniecka 7, willa Jasna (w pobliżu Śródborowa) Tel. 123

נעהמט אויף אָן אין ווינטער-סעזאָן דערוואַקסענע, ווי אויך פֿערזאָנען, וועלכע דאַרפֿען זיך געפֿינען אויף דיעטע (צוקער-ליידענדע, א. ד. גל.). דער פּענסיאָנאַט געפֿינט זיך אין אַ 4-מאָרגיגען וואַלד. די ווילע איז אַ געמויערטע און בעזיצט אַלע מאָ-דערנסטע איינריכטונגען: צענטראַל-בעהייצונג, ראַדיאָ, טעלעפֿאָן, באַדעצימער, וואַרים- און קאַלט וואַסער.

גרויסע און זוניגע צימערן — די פּרייזען זענען נידריגע

בעשטעלונגען ווערען אויך אָנגענומען דורך דעם טעלעפֿאָן.

בעמ.: פֿאַר רעקאָנוואַלעסצענטען אַ ספּעציעלע ענטשפּרעכענדע דיעטע.

זונטאָג, ד. 1-טען לוטי ה. י. 4 נאָכמיטאָג צום ערשטען טערמין קומט פֿאָר אין אייגענעם לאָקאַל פֿון „בית לחם" וסכאָדניאַ 68/70

אַנ'אויסערגעוועהנליכע גענעראַל = פֿערזאַמלונג

מיט פֿאָלגענדע טאָג-אָרדנונג: 1) וואַהלען פֿון אַ פֿאָרזיצענדער און 2 אַסעסאָרען, 2) בעריכט פֿון דער טעטיגקייט, 3) בעשטעטיגען דעם בו-דזשעט אויף דעם יאָהר 1931, 4) דעבאַטען, 5) וואַהלען פֿון אַ פּרעזי-דיום-פֿערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 6) פֿרייע פֿאָרשלאַגען.

אינפֿאַלס בײַ נישט גענוגענדע צאָהל מיטגלידער קומט פֿאָר די פֿער-זאַמלונג צום צווייטען טערמין 6 אָוונט בײַ יעדע צאָהל מיטגלידער.

בעמ.: ספּעציעלע איינלאַדונגען ווערען נישט אַרויסגעשיקט.

לאָדזשער יוד. קאַמער-טעאַטער — נייער

„אַרט"

ווייסער זאַל „מאָנטיפּעלי" זאַכאָדניאַ 43

קינסטלערישער לייטער: מ. בראָדערזאָן.
לייטער: א. בעזמאַן.

היינט פֿרײַטאָג 2 פֿאָרשטעלונגען 7.45 און 9.45 אָוונט

פֿייערליכע פּרעמיערע

פֿון 4-טען פּראָגראַם א. נ.

סרעדל דרייט זיך

אין 2 טיילען, 12 נייע שלאַגערס.

1) פּראָלאָג, 2) טויטע חסידים, 3) קיכער, 4) אין זאַקאָפּאַנע, 5) אַרבייטסלאָזע, 6) מאַר חופּה וקדושין, 7) בעלי-עגלות, 8) אויף אַ שטיקעל ראַדיאָ, 9) דער של סעל, 10) אויפֿן באַל, 11) מאַנטאָפּיאַרע בײַ ניקאָלאַי'ען דעם ערשטען, 12) צראַבעטקאַ, 13) צ'אַט-די-קי מ'אַט-די-קי.

אַנסאַמבל לויט'ן א.ב. פּרויען: זיסעל-גירל, מ. דאָלסקאַ, לאַלאַ זילבערמאַן, שיינע-מרים, מאַשע פּעטערמאַן, מענער: שמואל גאָלדשטיין ש. דזשיגאַן, מאָטעל קאָן, יעקב ריינגלאַס, ישראל שומאַכער און יוסף ש־פער.

טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, דער טונקעלער און אורערטשענקאָ. מוזיק: ה. רובין און א. ביינצלמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: י. ברוינער. טענץ און פּלאַסטיק ג. קרושובנאַ און מ. אַלפּערן, רעזשי ש. דזשיגאַן, י. שו-מאַכער. מוזיק-לייטער הערץ רובין, ליכט-עפֿעקטען יערע. בינע-אָרכיטעקטאָר מ. קאָ.

מאָרגען שבת 3 פֿאָרשטעלונגען 4 נאָכמ., 7.45 און 9.45 אָוונט

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פֿון טעאַטער פֿון 11 פֿריה ביז 2 בײַטאָג און פֿון 5 אַזײ-גער אָוו., שבת א גאַנצען טאָג.

דאַנקזאַגונג.

די פֿערוואַלטונג פֿון פֿעראיין עזרת אחים אין לאָדז, דריקט אויס איהר וואַרימסטען דאַנק די ג' דאַמען פֿרוי פּרעזעסין פּעלאַ נייפֿעלד ווי אויך די דאַמען מאַניאַ פֿוקס, רחל סלאָווקאָווסקי פֿאַר זייער אַנטייל נעמען און טיכטיגע-מיטאַרבייט אויף אונזער פֿייערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען שבת, ד. 17 יאַנואַר ה. י. אין נייעם קאָנצערט-זאַל, פּיראַמאָוויטשאַ 3. גלייכצייטיג דאַנקען מיר אויך די חשובע געסט פֿון וואַרשאַ, און פּיעטרקאָוו פֿאַר'ן בעצעהרען מיט זייער אָנוועזענהייט אויף אונזער שמחה.

אַ בעזונדערען דאַנק אַלע חברים פֿאַר זייער ענערגישער מיטאַרבייט, ווי אויך אַלע געסט, וואָס האָבען מיטגעהאָלפֿען צו דער אימפּאָזאַנטער פֿייערונג.

מיט אַכטונג
די פֿערוואַלטונג
פֿון „עזרת אחים"
אין לאָדז זאַוואַדזקאַ 28

לאָדזער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 בזי 7 אין אָוונד
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 100-57, אַדמיניסטראַציע 100-47

די פּאָליטיק פון דער וואָך

די ערשטע דיפּלאָמאַטישע אַטאַקע פון דייטשלאַנד אויף פּוילען. — די רעדע פון מיניסטער קורציוס און דער ענטפער פון מיניסטער זאַלעסקי. — קורציוס האָט געוואָלט יוצא זיין פאַר ביידע צדדים. — היטלער און ביסמאַרק.

דער ברען-פּונקט אויף דער איצטיגער סעסיע פון פעלקערבונד איז שוין מיט-וואָך געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָגעס-אָרדנונג. דער דייטשער אויסערן-מיניסטער קורציוס האָט געהאַלטען א שעה'דיגע רעדע וועגען די רדיפות אויף דער דייטשער מינדערהייט אין אויבער-שלעזיען, און דער מיניסטער זאַלעסקי האָט גלענצענד און טרעפליך אָבגעשלאָגען די אַטאַקע.

עס איז נאָך, וואָס אַן'אמת איצט פּרוּצעדור צו מאַכען דעם סך-הכל פון דער דאָזיגער ערשטער דיפּלאָמאַטישער שלאַכט צווישען פּוילען און דייטשלאַנד, אָבער פון די רעפּעשען וואָס קומען אָן קען מען זעהן, אַז דער דייטשער אויסערן מיניסטער האָט די אַטאַקע פערשפּילט. ער האָט אפילו אין זיין רעדע נישט געקאָנט אַרויס-ברענגען אַן'אויספאָרשונגס קאָמיסיע צו אויבערשלעזיען. ער האָט נאָר געבעטען, אַז אויב דער פעלקערבונד וויל, אַז זיין פּרעסטיזש זאָל נישט פאַלען אין די אויגען פון דער וועלט (און די וועלט,

דאָזיגע פּאָליטישע כוונות זענען די רע-וויזיאָניסטישע טענדענצען אין דייטש-לאַנד, און דאָס איז איצט א זאַך, וואָס קיינער אין אייראָפּע, א חוץ דער צוזאַמען פון איטאַליען, דייטש-לאַנד און סאָוויעט-רוסלאַנד, וויל דער-פון נישט הערען.

קורציוס האָט טאַקע געפיהלט, מיט וואָס עס שמעקט די אַטמאָספערע און גענף, און ער האָט געפונען פאַר נויטיג אויסצומיידען אין זיין רעדע, אַז קיין שום דייטש וועט זיך נישט אָפּזאָגען פון די רעוויזיאָניסטישע טענדענצען, אָבער די רעוויזיעס וועלען געמאַכט ווע-רען נישט מיט דער הילף פון געוועהר נאָר פון פרידליכע דיפּלאָמאַטישע אָפּ-מאַכען. דער דייטשער אויסערן-מיניס-טער האָט מיט די דאָזיגע ווערטער גע-געבען די דייטשע נאַציאָנאַליסטען דעם טייל פון דער מטבע, וואָס געהער צו זיי, און דער פעלקערבונד — די צווייטע זייט פון דער מטבע. דייטשלאַנד וויל מאַכען א רעוויזיע פון די פּויליש-דייטשע גרענעץ, אָבער נישט קיין מל-

...

אָבער דאָס צו דערגרייכען דאַרף מען קודם כל אליין זיין א ביסמאַרק און דאַ-בען אונטער זיך א געוואונענע מלחמה.

אָבער דאָס זענען שוין אַלץ פראַגען פון דער צוקונפט, און איצטיגען מאָ-מענט האָט דייטשלאַנד פערשפּילט.

איהר ערשטע אַטאַקע אויף פּוילען האָט נישט געהאַט קיין ערפאָלג.

ב. ז-ן.

אַפּיציעלע הכחשה

וועגען קעניג קאַראָל'ס אינטערוויאו

וואַרשאַ, (יט"א) די רומענישע געזאַנדשאַפט אין וואַרשאַ האָט צוגע-שיקט דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענ-טור פאָלגענדען קאָמוניקאַט:

דאָס פּרעזידיום פון רומענישען מי-ניסטעררן-ראַט דעמענטירט אָפּיציעל דעם בלומרשטען אינטערוויאו, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער טעג-ליכער צייטונג „טשערנאָוויצער טאַגע-בלאַט." דער דאָזיגער פאַלשער אינ-טערוויאו, וואָס ווערט צוגעשריבען זיין מאַיעסטעט דעם קעניג קאַראָל דעם

...

די פּרייזען-ירידה

פון ד"ר ב. זיידען

די רעדע פון האַנדעלס-מיניסטער פּרוסטאָר און דער אָפּיציעלער קאָמוני-קאַט פון עקאָנאָמישען קאָמיטעט ביים מיניסטעררען-ראַט וועגען דער אַקציע צו פערבילינגערן די פּרייזען האָבען בעזוי-טיגט די מורא פון די האַנדעלס-פערעדען, אַז די דאָזיגע אַקציע וועט זיין געוועג-דעט געגען זיי און עס וועט נעגען זיי

...

פון עלעקטריציטעט, די באַהן- און טע-לעפאָן-טאַריפען, און אויך אויסגעאַרבעט א דרוק אויף די שטעט, אַז די קאָמו-נאַלע שטייערען זאָלען פערקלענערט ווע-רען. בלויז אין בודזשעט פון קאָמוניקאַ-ציע זענען די מלוכה-הכנסות דאָרט פערקלענערט געוואָרען אויף 200 מיליאָן זלאָטי.

...

ליב דעם פערשטאַרקען זיך די פּרייזען? פערקעהרט, אויב צופיל מענשען פער-נעהמען זיך מיט האַנדעל, הערשט א שטאַרקע קאָנקורענץ און די פּרייזען ווע-רען דערנידערער ממילא נידריגער. אין מייל בראַנזשען פון האַנדעל זענען אפשר פאַראַן צופיל פערמיטלער-קרייזען און

...

דער קאָן נישט אַזוי שנעל רעאַגירען אויף די פּרייזען-ענדערונג פון'ם הורט-האַנדעל, ער פּאַסט זיך צו זיי צו ערשט אין א צייט אַרום. און בלי ספק וועט קומען די צייט, ווען דער דעטייל-האַנדעל וועט זיך צופּאַסען צום הורט-פּרייז און אויך פערקלענערן די פּרייזען, אָבער דאָס מוז דויערען א ביסעל און יעדער פּרוב צוצואייַלען דעם דאָזיגען פּראָצעס נישט ווירקען.



יעקב טייטעל

צו זיין 85-יעהריגען געבורטס-טאָג

פון עזרא מאַרגאַלין

יעקב טייטעל, נישט קיין פּשוט'ער „יודישער עקסעלענץ" — דער איינציגער יודישער ריכטער, וואָס האָט זיך געדינט אין צאַרישען רוסלאַנד צו אזא הויכען ראַנג.

דאָס איז נישט פּראָסט-פּשוט דער „פאָרזיצענדער פון פערבאַנד, פון רוסי-שע יודען אין בערלין" און דער ראש פון דער דאָרטיגער רוסיש-יודישער קאָלאָניע. דער אַלטער זיידע, וואָס איז פון אַלעמען געאַכטעט און געעהרט און ווענדעט זיך צו אַלעמען מיט דעם ליב-הארציגען זיידעשן — „דו".

דער מיטול, די פּאָזיציע און דער גע-זעלשאַפט, זיין אויטאָריטעט — דאָס אַליין האָט ער זיך כשר פערדינט. אָבער נישט דאָס איז דאָ דאָס וויכטיגסטע.

...

זעהר אינטערעסאַנטע פּרטים פון זיין לעבען.

דעם עיקר האָט ער אָבער דאָרט נישט דערצעהלט.

א „פרעהליכער צדיק" איז מען נישט נאָר צוליב די שעדנגע און גוטע מעשים, נאָר צוליב דעם, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן'אופן מען פיהרט אויס די דאָזיגע מעשים.

וועגען דעם קאָנען דערצעהלען די מענשען, וואָס זענען געקומען מיט יעקב טייטעל אין נאָהענטער בעריהרונג.

אין א גרויסען פּאַנסיאָנאַט-צימער אויף דער קייזער-אַלעע אין בערלין, זיצט א גרויסער אַלטיטשקער. א מענש מיט א פּאָר יונגע מוליע אויגען, וועל-כער זאָגט יעדען, וואָס קומט צו איהם אַריין: „מיר זענען נאָך יונגען!"

...

געפרעגט. בלומרשט אַזוי ווי „דרך אגב", אין ער האָט מיך שוין נישט געלאָזט אַזוי שנעל אַוועקגעהן.

— וואַיהין אַזוי אייליגט זיך, זייט נאָך אַביסעלע!

...

יעקב טייטעל איז פון דער נאַטור בע-שאַנקען מיט א בעזונדערן אינטערעס און געשמאַק צום מענש.

ער איז נישט פון די גבירים, וואָס גיבען „נדבות", ער איז נישט רייך, ער קען אָבער פשוט נישט לעבען אָהן מענשען, אָהן דער פריינדליכער אַט-מאָספערע און ליבע צו מענשען.

זיין אינגלוס און זיינע בעציהונגען דאַרף ער צו פערדאַנקען דער קראַפט פון זיין וואונדערבאַרער פערזענליכקייט.

מיט א פּאָר יאָהר צוריק בין איך צום ערשטען מאָל געקומען צו טייטעל'ן. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א לאַ-דזער, וואָס איז פעראַרימט געוואָרען, נישט אָהן אויפרעגונג בין איך אַריין צו איהם אין שטוב. די צוגעגרייטע רע-דע איז מיר אַרויס פון זכרון. נאָר עס איז אויך נישט נויטיג געווען.

טייטעל האָט קענטיג, בעמערקט מיין פערלעגענהייט.

רופט מיך נישט אָן „גאָספּאָדין טיי-טעל" — האָט ער מיר איבערגעהאַקט די רעדע, — ווענדעט זיך צו מיר פּשוט: „יאַקאָב לוואָוויטש" — דאָס געשפּרעך איז געווען אויף רוסיש.

— ווייסטו וואָס, — האָט ער געזאָגט — אָט אין ווינקעל שטעהט דער עלעק-טרישער טשייניק, זיי אַזוי גוט, קאָך אָפּ א ביסעל טיי, ווען מיר צוזאַמען טרינקען. געבעקס איז דאָרט אינ'ם שענקעל.

אין א פּאָר מינוט אַרום זענען מיר שוין געזעסען ביים טיי-טישעל, און מיר האָבען ביידע געשמועסט פאַר פרייד.

שפּעטער ערשט האָט ער מיך אויס-

...

— יעקב לוואָוויטש טייטעל... עד היום פיהרט ער אויס זיין אויפגאַבע, וועלכער ער האָט געווידמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס: ער האָט נאָך אַזוי ווייטער אונער-מידליך ליב די מענשען און איז זיי אַזוי האַרציג בעהילפליך.

יעקב טייטעל האָט אין זיינע „זכרו-נות", וואָס זענען פערעפענטליכט געוואָ-רען אין 1925 אין פּאַריז, דערצעהלט

...

אוניווערזיטעטס-אַנטיסעמיטיזם דיסקוטירט

אויף זיצונג פון עסטרייכישען פּאַרלאַמענט

ווין. (יטא) בעת דער דעבאַטע אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט איבער'ן בודזשעט פון בילדונגס-מיניסטעריום איז דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע וועגען אנטיסעמיטיזם אויף די אוניווערזי-טעטען. די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָ-בען אָנגעגריפען די רעגירונג דערפאַר, וואָס זי גיט ספּעציעלע רעכט די דייטשע „ראַסענשוצלער"-סטודענטען. דער בילדונגס-מיניסטער ד"ר עמעריק מיטער-

מאַק האָט דערויף געענטפערט, אַז אַלע ספּעציעלע סטודענטען-געזעצען זענען שוין אָפּגעשאַפט געוואָרען, און די יודישע סטודענטען זענען אויסגעגליכט געוואָרען אין זייערע רעכט מיט די ניט-יודישע. אויב עס געשעהט א וועלכע עס איז פערגוואַלדיגונג פון געזעץ, האָט דער מיניסטער ערקלערט, וועט די רעגירונג זיך נישט וואַקלען צו מאַכען דערצו א סוף.

„ד"ר ווייצמאַן וועט לאַנג לעבען"

קאָוונאָ. (יטא) דאָ האָט זיך פאַ-רינגען שבת פלוצלינג פערשפּרייט א קלאַנג, אַז ד"ר ווייצמאַן איז געשטאָר-

בען. אין משך פון עטליכע שעה האָט זיך דער קלאַנג פערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, און פאַר דער רעדאַקציע פון דער „יודישע שטימע" האָט זיך פאַר-זאַמעלט א גרויסער עולם יו-דען. די רעדאַקציע האָט זיך געשטעלט אין טעלעפאָנישער פערבינדונג מיט דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענטור אין לאָנ-דאָן, וואו זי האָט אויף איהר אָנפראַגע בעקומען די תשובה, אַז אין דער מינוט שליכט ד"ר ווייצמאַן די סעסיע פון אַקצי-אָנס-קאָמיטעט. דער בערוהיגטער עולם האָט נאָכדעם נאָך א גאַנצען אָוונט נאָכגעקלערט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פאַלשער קלאַנג. אָנווענדענדיג דאָס בעקאַנטע יודישע ווערטעל, האָט איינער דעם אַנדערען פערזיכערט, אַז ד"ר ווייצמאַן וועט לאַנג לעבען".

—:ח:—

ערלויבנישן, אויף וועלכע מ'קאָן נישט האַנדלען

דער וועה-געשריי פון די יודישע הויזירער אין אויבערשלעזיען

קאַטאָוויץ. (יטא) ווי מיר האָ-בען שוין מיטגעטיילט, האָט דער וואָיע-וואָדא אין אויבער-שלעזיען געהאַט צו-גענומען די ליצענצען פון 40 פּראָצענט הויזירער. די הויזירער האָבען דערויבער נישט געהאַט די מעגליכקייט ווייטער צו האַנדלען. שפּעטער האָט דער וואָיעוואָ-דא א דאַנק דער אינטערווענץ פון דעפּ. ווישליצקי בעגנעט אַלע ליצענצען. עס שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז די יו-

פון די הויזירער אין גאַנץ אויבער-שלע-זיען פערבאָטען. אַלע בעמיהונגען מצד די פּעראַנטוערטליכע יודישע סוחרים פעראיינען אין כאָסנאָוויץ, שווענטאָכ-לאָוויץ אין קשאַנאָוו וועגען אָפּשאַפען די גרענעץ-גזירה האָבען דערוויל נישט געהאַט קיין ווירקונג. דער ה' וואָיעוואָדא האָט אפילו צוגעזאָגט אַרויסצוגעבען 50 ערלויבנישען צו האַנדלען אויך אין שטח פון גרענעץ-פּאַס. די פעראַנטוערטליכע

1869. וועלכע זענען שוין נישט פער-פליכטענד אפילו אין דייטשען אויבער-שלעזיען.

דערוויל דראָהט קרוב 1000 יודישע פאַמיליעס אין דאָמבראָווער קאַנט, וועל-כע בעשעפטיגען זיך מיט הויזירען, א פולשטענדיגע רואין, נישט האָבענדיג קיין מעגליכקייט פּאָרטצוזעצען זייער בעשעפטיגונג.

...

פאַר מענשען וואָס ליידען פון נערווען צורייצונג קאָפּ-וועהטאָג, שלאָפלאָזיגקייט, מאַטקייט נידערשלאָ-גענקייט, שרעקזאַמקייט איז דאָס נאַטירליכע
Freuciszka Józefa
ביטער-וואַסער א גינסטיג הויז-מיטעל אויף אויסצו-היטען זיך פון אויפרעקונגען צוליב וועלכע עס קומען אויך פאַר אָפטע שטערונגען פון די פערדייאונגס אָר-גאַנען

דער „קולטור-אַנטיסעמיטיזם"

פון ד"ר י. קרויש

וואָס פעהלט אונז, אַלזאָ? אָדער וואָס האָבען מיר מעהר, ווי די אַנדערע? פאַרוואָס ווערען עפּעס גראָד מיר יודען „פער עקסעלאַנס" אַזוי געהאַסט און גערודפט? אין'ם פאָריגען אַרטיקעל (זעה „ל. ט.) נומר) האָב איך גאַנץ אָביעקטיוו געשטעלט די דאָזיגע פראַגע. לאָמיר איצט פּרובירען גענוי צו בעטראַכטען די דאָזיגע פראַגע אינ'ם שפּיגעל פונ'ם מעגליכען אמת. (קיין אַבסאָלוטער אמת איז דאָך נישטאָ.)

פון ס'רוב „קולטור אַנטיסעמיטען" מיט וועלכע איך האָב גאַנץ אָפען גערעדט וועגען דעם דאָזיגען פּראָבלעם, האָב איך געהאַט כמעט איין און די זעלבע אויפקלערונג, אַז יודען האָבען זיך צופיל בעטייליגט אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור פון די פעלקער. אַן אונגאַרישער אַנטיסעמיט האָט מיר דערביי למשל געזאָגט, אַז בעטראַכטענדיג די קולטורעלע אַרבייט אין אונגאַרן אויף פערשידענע געביטען פונ'ם לעבען, ווי אין דער ליטעראַטור, מעדיצין, טעאַטער, זשורנאַליסטיק, פּאָליטיק און פינאַנץ-וועזען, האָט ער געזעהן, אַז כמעט אַלץ שטעהט אונטער'ן יודישען איינפלוס. ער האָט אַפילו דערביי מודה געווען, וואָס אַנ'אמת, אַז יודען האָבען טאַקע זעהר פיל געשאַפען און בעהערשט די אונגאַרישע שפּראַך, אָבער דאָס איז נישט קיין נאַציאָנאַל-אונגאַרישע שאַפונג, נאָר אַ יודישע שאַפונג אין דער אונגאַרישער שפּראַך. אָבער מיר, די מאַדיאַרען, ווילען האָבען אונזער אייגענע קולטור. און ווען עס זאָל אַפילו פאַר אונז שטעהן די ברירה צו האָבען אַ נידעריגע אונגאַרישע קולטור אָהן יודען, אָדער אַ הויכע קולטור מיט יודען, וועלען מיר שטענדיג בעסער אויסקלויבען דאָס ערשטע. ווארום אין דעם פאַל איז עס אונזער אייגענאַרטיגע, ריינע אונגאַרישע קולטור, אָן שום יודישער צומישונג. יעדע מוטער — האָט ער ווייטער געזאָגט — ליבט שטענדיג מעהר איהר אייגען קינד, אַפילו ווען עס איז נישט געניאַל, איידער דאָס אַדאָפּטירטע קינד, וואָס איז בעשאָנקען מיט די גרעסטע פעהיגקייטען. פערלאַנגט אַלזאָ אויך נישט פון אונז קיין אוננאַטירליכע זאַכען. מיר האָבען אונזער אייגענע ריינע קולטור, אַפילו ווען זי זאָל צוליב דעם אַביסעל ליידען. אונזער אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווענדעט אָפענסיוו געגען אייך. ער שטעלט נאָר מיט זיך פאָר אַ פערטיידיגונג געגען אייער שטאַרקען איינפלוס אויף אונזער קולטור.

אויף אַנ'ענליכען אופן מאָטיווירען אויך די דייטשע קולטור-אַנטיסעמיטען זייער שטאַנדפונקט פון שנאת ישראל.

איינער פון די דאָזיגע „קולטור-אַנטיסעמיטען" איז געגאַנגען נאָך ווייטער.

— מיר האָבען נישט דאַגעגען — האָט ער געזאָגט, — וואָס יודען בענוצען זיך מיט דער דייטשער שפּראַך ביים שאַפען פון זייערע קולטור-ווערטען, אָבער זאָלען זיי שטענדיג קלאָר אונטערשטרייכען, אַז זיי זענען יודען, כדי דאָס דייטשע פאָלק, זאָל נישט טראָגען די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קולטור-ווערטען אויף דער דייטשער שפּראַך, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען דורך יודען.

— אָט די דאָזיגע יודען — האָט מיר ווייטער ערקלערט דער דייטשער אַנטיסעמיט — וועלכע שמוגלען זיך אַריין אינ'ם נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם פון דייטשען פאָלק, רויבען ביי אונז צו דעם צוטרוי צום אַלגעמיינעם יודענטום. מיר האָבען מורא, אַז אַזוי אַרום קאָנען די יודען נאָך בעקומען דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער דייטשער מענטאַליטעט. מיר ווילען אָבער בלייבען דייטשען בחוש ובפועל. איהר יודען געפינט זיך אין דער פּריוויליגירטער לאַגע פון ראַסען ריינקייט און אייער דענקונג'ס אַרט, ווייל קיין אַנדערע פעלקער אַסימילירען זיך נישט מיט אייך, אָבער די איבעריגע פעלקער קאָנען זייער קולטור נישט ספּעציפיצירען, ווייל זיי זענען גאַנץ שטאַרק בעאיינפלוסט פון יודישען אינטעלעקט וועלכער שמוגעלט זיך אַריין אינ'ם אָרגאַניזם פון יעדען פאָלק. אָט דאָס דאָזיגע אַרומשלעפּען זיך אונטער אַ פרעמדען אָהן ווערט דורך אונז בעקעמפט, און פון דאַנען שטאַמט אויך די פעראַכטונג, מיר פעראַכטען אייך, ווייל איהר ווילט זיין מעהר דייטש, ווי מיר אמת'ע דייטשען זענען און דער ווירקליכקייט, אָט די דאָזיגע מורא און פעראַכטונג האָט אין משך פון יאָהרהונדערטער ענטוויקעלט אין אונז דעם אַנטיסעמיטיזם. און מען מוז אויך מודה זיין, אַז די טענות פון די דאָזיגע קולטור-אַנטיסעמיטען זענען נישט אומבעגרינדעט.

די אַנטיסעמיטען וואָס זענען שוין ווע ניגער עמפּינדליך און בענוצען נישט אַזאַ טיפע דענקונגס-קראַפט און אַנאַליזירונגס-פעהיגקייט האָבען ווידער טענות צו דער יודישער „רעכט גייציגקייט".

— מען קאָן נישט — זאָגען זיי — מיט יודען פיהרען קיין שום געמיינזאַמע אַרבייט. שטענדיג קומען זיי מיט טענות וועגען רעכט. קוים האָט זיך איינער פון זיי אַריינגעכאַפּט אין אונזער'ס אָנ'אָרגאַניזאַציע בעקומט ער גלייך דעם חשק איבערצונעהמען דאָרט די פיהרענדע ראָלע, און ווייל זיי בעטראַכטען אונז בלויז אַלס פרעמדע, וואָס מוזען זיך אָהן שום טענות ומענות מקריב זיין אונ'ם קאַמף פאַר זייער קאַריערע שטופען זיי אונז מיט דער גרעסטער קראַפט צום ראַדיקאַליזם, כדי מיר זאָלען זיין גרייט צו אָפּפערען פאַר זיי.

אויב זיי אַרבייטען מיט אונז איז עס נאָר צוליב פערזענליכע קאַריערע, וואָס קאָן דען דער יוד ברענגען מעהר קרבנות פאַר'ן דייטשען פאָלק, ווי ער בעקומט פאַר זיין אייגענעם, דעם יודישען פאָלק! און אויב ער וויל דאָס יודישע פאָלק פערלאָזען און פערקויפען איז דאָך מעהר ווי זיכער, אַז אונז וועט ער אודאי פערראַטען.

— צוליב אייך יודען — זאָגט אַזאַ איינער ווייטער — געפינט זיך דער פיל רענעגאַטען, און די דאָזיגע רענעגאַטען פעריודישען אונזער מענטאַליטעט און דערפאַר מוזען מיר זיך היטען.

אַנדערע ווידער געהען מיט זייער אַנטיסעמיטיזם צוריק אַ מהלך פון 2000 יאָהר. צוליב זייער אַנטיסעמיטיזם בעקעמפען זיי אַפילו דאָס קריסטענטום, ווייל בעטראַכטען די קריסטליכע רעליגיע אַלס אַ פרוכט פון יודישען פאָלק. איך האָב אַמאָל געהערט פון אַזאַ אַנטיסעמיט אַ קאָמישע ערצעהלונג: אונז — האָט ער געזאָגט — האָט איהר געפּרעדיגט די אוננאַטירליכע מענשען ליבע, „ואהבת לרעך כמוך". „האָב ליב דיין שונא" „ווען ער וואַרפט אויף דיר שטיינער, וואַרף צוריק מיט ברויט" א. אַז. וו. די דאָזיגע ליבעס-לאָזונגען האָט איהר אונז געוואָרפען, כדי אונז צו מאַכען שוואַך אינ'ם קאַמף. אָבער פאַר אייך, פאַר דעם יודישען פאָלק האָט איהר איבערגעלאָזט דאָס נאַטירליכע געזעץ „שן תחת שן „עין תחת עין".

ווי מיר זעהען אַלזאָ, בעטראַכטען אַפילו די דאָזיגע „אויפריכטיגע" אַנטיסעמיטען די קריסטליכע רעליגיע אַלס יודישע פערשווערונג. און ליידער מוז מען מודה זיין, אַז זייערע טענות האָבען אַ געוויסען גרונד ווייל „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" — דער גאַנצער האַס און פעראַכטונג וואָס עס פיהרען צו אונז די אַנדערע פעלקער איז צוליב די רענעגאַטען, וואָס פערלאָזען אונזער פאָלק און ליפען אַוועק צו אַנדערע.

—=0§0=—

א שפּאַציר איבער יודישע ישובים אין האלאנד

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאַגעבלאַט") -:- פון צ. ה. וואַקסמאַן

I.

אַמסטערדאַם, פאַר אַמאָליגע חדר-יונגלער אַ לעגענדאַרישער ראָמאַן. איך געדענק, בעת דער רבי פלעגט זיין ביי מנחה-מעריב, האָבען מיר, חברה קינדר-סים, געלערענט די „שער-בלעטער" פון די גרויסע אַלטע גמרות, און שטענדיג פלעגט מיך בעזונדער אינטערעסירען די רויטע אויפשריפט אויפ'ן שער-בלאַט אונטען: „נדפס בק'ק אַמשטרדם", און מיין קינדערישער פאַנטאַזיע פלעגט איך מיר אויסמאָלען די שטאָט אַמסטערדאַם עפּיס אין אַ מין צויבער-שטאָט, וואָס ליגט ווייט-ווייט...

היינט, איך שפּאַציר איבער די לאַנגע שמאָלע גאַסען און גראַכטען (קאַנאַלען) פון אַמסטערדאַם, און מיין פאַנטאַזיע פון דעמאָלט וואַכט אויף אין מיר ווייל באמת איז דאָס אַנ'אייגענאַרטיגע שטאָט. זיין פונקט אַזוי אייגנאַרטיג זענען איהרע יודען די 120 טויזענט יודען, וואָס לעבען און קענען ניט „נידערלאַנד" (האָלאַנד).

לאַנגזאַם און מיט-גרוים מיר בעוועגט זיך די מאַסע איבער די טומעלדיגע גאַסען און אַלטען יודישען קוואַרטאַל פון אַמסטערדאַם. מיר מאַלען אויף אַ מאַסע פלייש — און דעליקאַטעסען-געשעפטען מיט דער אויפשריפט: אינ'ם „Onder Rabbinal Toezicht" אויפזיכט פון ראַבינאַט)

דער האָלענדישער יוד, צי ער איז שטאַרק אָרטאָדאָקסיש אָדער אַביסעל ווייניגער פרום, וועט נישט קויפען קיין שום עסענוואַרג וואָס זאָל נישט האָבען דעם הכשר: „אָנדער ראַבינאַל טוזיכט"; דאָס איז אַ מין טראַדיציע, וועלכע ער היט אָפּ צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אייגענאַרטיגע מנהגים פון לאַנג פערגעסענע דורות.

פאַרנאַכט כאַפּ איך זיך אויף אַ ווילע אַריין אין דער אַלטער פּאָרטוגעזישער שוהל, וועלכע איז די ערשטע פון דעם מין שוהלען אין אייראָפּע, זי שטעהט שוין דאָ אין דער זעלבער געשטאַלט איבער 250 יאָהר. מיט איהר מיסטעריעזען אויסזעהען און אַרדע מאַכט בעלויכטענע פענסטער מאַכט זי אויף דעם פרעמדען אַ אומפערגעסליכען איינדרוק. דער הויכער מאַסיווער בנין, איינגאַנצען פון רויטע ציגעל. די שמיידערנע קאַלומנעס און די ריזיגע פענסטער-בויגענס. אַרומגערינגעלט ווי אין אַ קאַסטען פון אַלע זייטען דורך די קלענערע קהלה בנינים זעהט זי אויס ווי אַ שטיינערנער קאָלאָס אַרום וועלכען עס האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַ רעדעל פון קאַליקעס.

די שוהל אינעווייניג: איין ריזיגער, שמאָל הויכער גיכטערגער זאַל, דער חצר איז געשטיצט פון צוויי ריהען מאַרמאָרנע גרויסע שטיינערנע זיילען, פון ביידע זייטען שוהל מאַנסטעראַפּט — גרויסע גאַלעריעס, אַ מין איבערגאַנגליך — גרויסע רענגעל-לייכטער הענגען אַראָפּ פון סופיט אויף די טישען ביי יעדען זיין זענען איינגעפאַסט מעשענע רעדען האַר די ליכט, מיט וועלכע די שוהל ווערט בעלויכטען.

שבת און יום טוב ברענגען אין די אַלע 613 רערען גרויסע וואַקסענע ליכט כמנין תרי"ג מצות. פונקט ווי מיט 250 יאָהר צוריק ווערט אין שוהל נישט בענוצט קיין אַנדערע בעלייכטונג ווי אָט די ליכט.

דער שמש קומט אַריין אַנגעטאָן אין זיינע פאַנטאַסטישע בגדים מיט דעם האַנטיגען קאַפּעליוש אין האַנד האָט ער אַ שמעקן, וועלכער האָט פון אויבען איינגעפאַסט אַ ברענענדיגען פויגעל, וואָס די ענט אויף אָנצוצינדען די ליכט. אויף דער בימה שטעהט דער חזן און אַ פּלאַכען קאַפּעלושעל מיט אַ קורצער שוואַרצער פעלערינע, געפאַסטע הויזען ביז'ן קני, און שוואַרצע זאָקען מיט קליינע מעשטענע אויף די פיס. דער „חכם" (רב), וועלכער האָט זיין פּלאַץ נעבען בימה אויך און מיטעלאַלטערליך — שוואַרצע בגדים מיט געפאַסטע ווייסע ברוסט-טילער.

אָט דאָס אַלעם מאַכט אויף אַ ווילע פערגעסען, אַז איהר געפינט זיך אין מיטען ציוויליזירטען אייראָפּע. דאָס פיהרט אייך מיטאַמאָל אַריין אין אַנ'אַנדער וועלט, און אַ שוין לאַנג פערגעסענער צייט...

אשרי יושבי ביתך — קלינגט די מאָנאָטאָנישע שטימע פון חזן, און די פּאָר צעהנדליגער זיגנים, וועלכע זענען ווי פערליירען אין דעם געוואַלדיגען זאַל, פּלעטערען אין זייערע אַלטע פערגעלטע סידורים...

איהר דאַרפט נאָר האָבען אַ קליין ביסעלע פאַנטאַזיע און פאַר אייערע אויגען וועט אַרויסשווימען אַ בילד פון דעם לאַנג פערגעסענעם מיטעלאַלטער, פון דער תקופה ר' שלמה בן גבירול, פון שפּאַנישע יודען, פון אנוסים, וועלכע פערזאַמלען זיך אין אַ קעלער, בכדי און געהיים אָפּצוראַכטען אַ תפלה...

עס איז שוין אַ היפּשע ווילע נאָך מעריב און איך שטעה נאָך פערזונקען אין מיינע געדאַנקען... פּאַוואָליע נעהם איך זיך אַרומקוקען און דעם אומגעווערנליכען בנין אויף דעם מיינגעשניצטען ארון קודש און מיר דאַכט אויף, אַז עס פעהלט דאָך דאָ אייגענטליך דער פּרוכת. איך דרעה זיך אום פון דער אַנדערער זייט צו מערב צו, און מיר ווערט נאָך אויפפאַלענדער דער לאַנגער צוים, וועלכער טיילט אָב און מייל שוהל פון דעם אויבערגען, אַ צוים וועלכען מען געפינט ביי אונז און די באַנק-היימער און גרויסע ביוראָס, הינטער וועלכען עס שטעהען די אַנגעשטעלטע.

אין שוהל איז שוין האַלב פינסטער גאָר און אַ ווינקעל ביי אַ ליכט שטעהט נאָך דער „חכם" (רב) געבויגען איבער אַ ספר.

איך געה צו צום חכם און בעגריס איהם אויף העברעאיש, ווי מען בעגריסט געוועהנליך אַ „חכם" ביי ספרדים, מיט דער האַנט אויפ'ן האַרצען. דער חכם הויבט אויף זיינע אויגען פון ספר און ענטפערט מיר אָפּ: „שלום ברכה וטובה", און באַלד דערויף שטעלט ער זיך פאָר, ווי אַנ'אייראָפּעער ראַבין ד"ר ריקאַרדאָ. — נעים די מאַד. —

דער רב, אַ סימפּאַטיש סעמיטיש פּנים מיט אַ פּאָר קלוגע יודישע אויגען, די באָרד שוין הינבשלעך גרוי, און זיינע אָפּיציעלע קליידער, מאַכט אַ אויסערגעוועהנליך סימפּאַטישען איינדרוק. אָט אַזוי, טראַכט איך זיך, האָבען אויסגעזעהען יודישע רבנים און אונזער תור הזהב, נאָך פאַר גלות שפּאַניען..

מיר שפּאַצירען לאַנגזאַם אין דער ביין השמשות'דיגער האַלב-טונקעלקייט, וואָס הערשט אין שוהל. פאַר'ן ארון הקודש בלייבען מיר אַ ווילע שטעהן. ער בעמערקט מיין פערוואונדערקייט, און נעהמט מיר ערקלערען: דאָ ביי אונז איז דער מנהג, אַז דער פּרוכת הענגט אין ארון הקודש. און אַז ער עפענט דעם ארון הקודש זעהט מען פאַר מיינע אויגען אַ בלאַסקע דאָס רייכע גאָלד-געשטיקטע פּרוכת. אָט אַ דאָס, ערקלערט מיר דער חכם האָבען מיר מיטגעבראַכט נאָך פון פּאָרטוגאַל, יערען חודש אלול העניגען מיר אַריין דעם 300-יעהריגען פּרוכת; בלויז איינמאָל אין יאָהר, תשעה באב, הענגט דער פּרוכת אין דרויסען אויבער'ן ארון הקודש. אַ שוואַרצען פּרוכת אין דרויסען אויבער'ן ארון הקודש. אַ שוואַרצען פּרוכת הענגען מיר דאַן אויף...

צוריק וואַנדערען מיר איבער צו אונענדליך לאַנגע בענק, וועלכע שטעהען לאַנג אוים דער שוהל. פאַר'ן צוים שטעלען מיר זיך ווידער אָפּ, דער חכם ערקלערט מיר ווייטער שמייכלענדיג: ווייסט איהר, וואָס דער צוים בעדייט? אָט אַזוי ווייט האָבען אַמאָל געמעגט אַריינגעהען אין שוהל נישט קיין ספרדישע יודען. ער בעמערקט מיין פערוואונדערונג און גיט באַלד צו: אָט אָ דאָס מיט נאָך אַ תקנה האָבען מיר אַמאָל מיט 100 יאָהר צוריק איינגעפיהרט אויפ'ן פערלאַנג פון דער אשכנזישער קהלה.

די אשכנזישע געמיינדע, וועלכע איז דאַמאָלס געווען קליין און אָרים און האָט געדאַרפט צו קעמפען פאַר איהר עקזיסטענץ, האָט מלחמה געהאַלטען מיט איהרע אייגענע מיטגלידער, וועלכע האָבען מאַסענווייז איבערגעוואַנדערט אין דער ספרדישער שוהל אַריין, וואו זיי האָבען נישט געקענט ווערען קיין מיטגלידער און במילא נישט געדאַרפט צאָהלען קיין קהלה-שטייער, האָט מען דעמאָלט אויף איהר אייגענע ביטע איינגעפיהרט פאָלגענדע תקנות: 1) אַז אַ אשכנזישער יוד קען נישט בעקומען קיין עליה ביי די פּאָרטוגעזען, 2) אַ אשכנזי טאָר נישט אַריינקומען אין דער ספרדישער שוהל ווייטער פונ'ם איבערגעדערמאָנטען צוים. און די אַנדערע טוילען מאָר מען איהם נישט לאָזען אַפילו זיצען.

היינט: די אשכנזישע געמיינדע איז שוין לאַנג אַ סך רייכער און גרעסער פאַר די פּאָרטוגעזען. אָבער די פּאָרטוגעזען, וועלכע פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ זייער קאָנסערוואַטיווען טראַדיציע-געטריישען כאַראַקטער, האַלטען זיך אָן די 2 פּאַראַלעלטע מנהגים צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַזוי צו זאָגען בכל חומר הדין.

איך שפּאַציר לאַנגזאַם פערטראַכט איבער דעם גרויסען געפּלאַסטערטען שוהל-הויף וועלכער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ „פּרוזליכער" פעסטונג. אויפ'ן גרויסען איינפאַהר-טויער צוזעהט דער שאָטען פון נר תמיד, וועלכער ברענט דאָ שוין 250 יאָהר. איך געה איבער די לאַנגע האַלב טונקעלע קאָרידאָרען פון די קהלה-ביוראָס וועלכע זענען אַזוי אַלט ווי די שוהל און מעלד זיך אָן צום קהלה-סעקרעטאַר. ער האָט זיין ביוראָ אין אַ היסטאָרישען צימער דאָס צימער האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ בית-דין-שטוב, דעם ערשטען בית-דין פון די פּאָרטוגעזישע יודען.

אַ שמייכעלדיגער, אַ פריינדליכער זיצט ער דאָ דער סעקרעטאַר, דאָס „קוועקזילבער" פון דער פּאָרטוגעזישער קהלה הער מענדעס דאַ-קאָסטאַ. און נערמט אויף די רונדערטער ניגערינג, וועלכע קומען אַהער יאָהר איין יאָהר אויס.

וואָס? איהר רעדט נישט קיין האָלענדיש אפשר שפּאַניש? פראַנצויזיש? אָדער דייטש? אַ סך צייט האָט ער נישט. אָבער ער וועט זיך בעמיהען בעפרידיגען מיין נייגעריגקייט.

אין פראָנט פון צימער פאַלט אויף דער פערגאָלדעטער הערב, וואָס שטעלט פאָר אַ פעליקאַן (אַזאַ מין פויגעל), ביי וועמען זיינע קינדער זויגען דאָס בלוט פון זיין האַרץ. הער דאַ-קאָסטאַ; וועלכער לעזט אַראָפּ די פראַגע פון מיינע אויגען, ערקלערט מיר, אַז דאָס איז דער סימבאָל פון אונזער געמיינדע, די מאַמע פון די פּאָרטוגעזישע יודען, אין האָלאַנד, וועלכע איז גרייט אַלעם אָפּצוגעבען פאַר איהרע קינדער ביז'ן בלוט פונ'ם האַרצען..

איך האָב שפּעטער בעמערקט, אַז אַלע מעבעל און אַלע פּאַפּירען פון דער געמיינדע, טראָגען דעם דאָזיגען סימבאָל.

איך נעהם זיך פּאַוואָליע פונאַנדערפרעגען, און נאַטירליך די ערשטע זאַך: ווי נעהט עס דאָ, מיט אָדער אָן פּרנסה. דער דאַ קאָסטאַ ענטפערט אַ ביסעל צוגעהענד:

— יאָ, פערשטעהט איהר, — קיין נויט לייזען מיר דאָ נישט, אָבער נישטאָ אַמאָליגע גוטע צייטען, אַ גרויסער טייל צאָהלען נישט מעהר די קהלה-שטייערען ווער עס האָט נישט צו צאָהלען און ווער ער וויל פשוט נישט מעהר צאָהלען, ער דאָס נישט מעהר קיין אינטערעס.

אין אַלגעמיין? עס זענען פאַראַן אין דער געמיינדע אַ גרויסע צאָהל גבירים, גרויסע סוחרים, באַנקירען און אַפילו הויכע ריכטער, דאַנעבען זענען פאַראַן אַ היבשע צאָהל אָרימע לייט, אָבער נישט דו, וואָס מיר בעגעגענען אין מזרח-אייראָפּא. וועלכע האָבען נישט קיין מעגליכקייט צו מאַכען אַ לעבען. נייך, אַזעלכע זענען דאָ כמעט נישטאָ. אָרימע לייט רופען דאָ די פאַמיליעס וועלכע אַרבייטען שווער, אויפ'ן טעגליכען ברויט, אָבער זיי פערדינען עס. אַנ'אַנדער מין אָרימע לייט איז דאָ נישט בנמצא, עס איז פשוט אוממעגליך, ווייל אויב דער יחיד האָט דאָ מנע ומשא מיט'ן ענצעלנעם אָרימאַן ווערט דאָ אָבער שטאַרק געזאָרגט. פאַר'ן כלל און דער פאָרם פון פערשידענע אינסטיטוציעס, וועלכע שטעהען אַנב אויף אַ זעהר הויכער מדרגה.

דער וואַרטע-צימער איז געפאַלט. איך מוז מאַכען פּלאַץ פאַר אַנדערע. נאָך אַ ווילע בלייב איך שטעהען מיט יראת הכבוד פאַר דער וואַנד, אויף וועלכער עס זענען אויסגעהאַנגען די בילדער פון אַ ריהע רבנים, גאונים, וועלכע האָבען משמש געווען ברבנות אין דער קהלה. אָט איז דאָס בילד פון ר' מנשה בן ישראל אין דערנעבען דער פּאָרטרעט פון דעם בערוהמטען „חכם צבי" און ווייטער צוזעהט זיך אַ ריהע פּאָרטרעטען פון די רבנים פון דער „גלאָריאַ-עפּאָכע" פון דער פּאָרטוגעזישער קהלה אין אַמסטערדאַם.

איך געה אַריין צום ראַבינאַט. אויפ'ן וועג געה איך פערביי די רייכע ביבליאָטעק פון דער אַלטער עץ-חיים-ישיבה וואו עס זיצען מאָדער'ן געקליידעטע יונגע לייט איבער די ספרים און הויבען אַפילו די אויגען נישט אויף, ווען עס געהט פערביי אַ פרעמדער.

איך קלאַפּ אָן אין ראַבינאַט'ס-צימער. פון אינעווייניג רופט זיך אָן אַ קרעפטיגען העברעאיש: „בבקשה, יבא".

נאָרמאַל טרעף איך זיך צוזאַמען מיט ד"ר ריקאַרדאָ, וועלכער זיצט דאָ צוזאַמען מיט זיין לאַנגע חכם אליהו פּראַסען. ער איז ערשט אַ יאָהר אין אַמסטערדאַם. איהם האָט די קהלה, לויט אַ אַלטער טראַדיציע אַהער אַראָפּגעבראַכט פון סאַלאָניקי, נאָך דער פּטירה פון לעצטען חכם באַשי. דרב פּאַלאַשי. ער רעדט אַ פליסיגען העברעאיש, און פון אויסגער האָט זיך ד"ר ריקאַרדאָ אויך גענומען אַ ביישפּיל און אָנשטאַט ווי תמיד האָלענדיש, האָט ער איינגעפיהרט אַלס אָפּיציעלע שפּראַך אין ראַבינאַט העבראעיש. נאַטירליך ווען ס'איז קיין זייטיגער מענש נישט דערביי. —

ווענען וואָס רעדט מען מיט רבנים פון אַנטיסעמיטיזם? דאָס איז אין האָלאַנד כמעט נישט בנמצא. דער רעליגיעזער מצב? אַנטי-רעליגיעז איז דער האָלענדער נישט, אָבער ער איגנערעסירט זיך ווענינג וואָס מיט רעליגיע. ערציהונג? — דערוויל לאָזט זיך דאָ נאָר נישט ענדערען, דאָ איז איינגעוואָרצעלט דאָס סיסטעם פון דער דייטשער „בר-מצוה — ערציהונג". ער האָפט אָבער ער, דער „מזרחי" - פיהרער פון האָלאַנד, אַז מיט דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס מערקט זיך לעצטענס ביי די האָלענדער יודען, וועט זיך אויך די יודישע ערציהונג פערבעסערען.

דער גרויס-שטאָט-טומעל רייסט זיך אַריין דורכ'ן פענסטער אין געדעמפּטען מיטעלאַלטערליך-מאָדערנעם ראַבינאַטס צימער, איך כאַפּ זיך, אַז איך האָב צופיל צייט פערנומען — שלום, להתראות.

און ווידער שטעה איך אין דער מיטעלדיגער „אָדען-ברעע סטראַט". און פון דאַנען לאָז איך זיך אַוועק אויף אַ ווייטערדיגען שפּאַציר איבער דער מאָדערניש-שעהנער אַלטער האַנדעלס שטאָט אַמסטערדאַם.

וואָס איז דאָס „Togal"?

„טאָגאַל"-טאַבלעטקעס זענען אַ ווירקזאַם מיטעל געגען רעוומאַטיזם. פּאָדאַגרע, נירופע, נערווען-שמערצען און קאָפּוועהטאָג. מינדערנע און פערקיהלונגען. טאָגאַל איז נישט אַליין קען היזק בענגעט צענדונג אַנדערע מינדערווערטיגע מיטלען.

שפּאַסיגע מעשה'לעך פון לאָרד מעלטשעט'ס לעבען

פון יהושע זינגער

זעהר פיל שפּאַסיגע מעשה'לעך ווע-
ען דערצעהלט פונ'ם ערשט פערשטאָר-
בענעם יודישען לאָרד מעלטשעט.
איינמאָל זאָגט ער, ווען ער איז נאָך
געווען סער אַלפרעד מאָנד, צו זיין ביוראָ-יונגעל:

„די ווייסט, דזשימי, שוין צייט די
זאָלסט זיך קויפען אַ נייע פּאָר הויזען."

„דאָס ווייס איך אַליין, סער, אייער
אַרפט מיר דאָס נישט זאָגען."

„פאַר וואָס זשע קויפסטו נישט?"

„ווייל איך האָב קיין געלט נישט."

„וואָס טוסטו מיט די 8 שילינג, וואָס
דינסט אַלע וואָך?"

„א.ד. גיב אַוועק דער מאַמען."

„און די בענק האָסטו גאָר נישט?"

„אַ פעני אויך נישט!"

„ווייסטו דען נישט, דזשימי, אַז אַ
ענש דאַרף נאָר אויסגעבען איין העלפט
ון דעם, וואָס ער פערדינט, און די צווייטע העלפט דאַרף ער טראָגען אין די
באַנק?"

„יאָ, אָבער איך קריג דאָך נאָר איין
העלפט, וויפיל איך פערדין!"

* * *

איינמאָל האָט ער אַנאָנסירט אַז ער
דאַרף אַ נייעם ביוראָ-יונגעל.
נאַטירליך, אַז אין לאָנדאָן פעהלען
נישט קיין קאַנדידאַטען פאַר אַזאַ פּאָס-
טען.

עס זענען געקומען אין ביוראָ אַ היבש
ביסעל הורדה-לייט.

ביי איין בחור'ל האָט דער לאָרד אַ
פרעג געטון:

„ביזטו גרייט צו טון אויך שווערע אַר-
ביט מאָמנ?"

„נאָן סער! אויב מען דאַרף שווער
אַרבייטען, איז עס נישט פאַר מיר."

„זערסטי, אָט די אַלע צעהן בחורים וואָס איך האָב עקזאַמינירט פאַר דיר, און וואָס וואַרטען דאָרט אין ביוראָ, האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי זענען גרייט אויך צו אַרבייטען שווער."

„האָבען זיי אייך, אַלע געזאָגט, ווי איהר דערצעהלט מיר?"

„געוויה!".

„דאַן זענען אַלע צעהן ליגנער, סער!" האָט דאָס בחור'על אויסגעשריגען. „עס איז נישטאָ אַזאַ באַי, וואָס זאָל וועלען שווער אַרבייטען!"

דער בחורעל האָט געקראָגען דעם פּאָסטען.

* * *

לאָרד מעלטשעט האָט איינמאָל בעשטעלט אַ יונגעל, ער זאָל איהם ברענגען צייטונגען.

עס זענען אַוועק דריי וואָכען, די צייטונגען האָט ער געבראַכט רעגולער, נאָר געלט איז ער נישט געקומען.

דער לאָרד האָט איהם אָפּגעוואַרט, און געזאָגט צו איהם:

„ביזט אַ פיינער ביזנעס-מאַן, משאַרלי, צייטונגען ברענגסטו און קיין געלט בעטסטו נישט!"

„סער, איהר דאַרפט מיר נישט לערנען, ווי צו פיהרען מיין געשעפט, איך בעט קיינמאָל נישט ביי מיינע קונדען קיין געלט, זיי גיבען מיר אַליין, זיי זענען דזשענטעלמען!"

„און ווי טוסטו, ווען איינער וויל דאָך נישט בעצאָהלען?" ווילט זיך דעם לאָרד וויסען.

„גוט, אויב איינער וויל נישט בעצאָהלען", ענטפערט משאַרלי, „דאַן איז ער דאָך שוין מעהר קיין דזשענטעלמאַן נישט. נו, בעט איך ביי איהם!"

* * *

אַ געוויסע צייט האָט לאָרד באַלפור אַנגעהויבען טראָגען לאַנגע האָר.

זיינע פריינד האָבען אָנגעווענדעט פיל בעמיהונגען, צו בעוועגען איהם, ער זאָל אָפּשערען, אָבער ער פלעגט זיך מאַכען, ווי מען רעדט נישט צו איהם, און נישט ענטפערען וועגען דעם אַפילו מיט אַ וואָרט.

און אַ געשפּרעך מיט בעקאַנטע וועגען דעם פאַל, האָט לאָרד מעלטשעט אויסגערופען:

„און איך וועל אייך ווייזען, אַז בלויז מיט אַ פּאָר געצעהלטע ווערטער וועל איך מאַכען, אַז דער אַלטער וועט זיך שוין יאָ לאָזען אָפּשנידען די האָר, און קורץ אויך!"

אַלע האָבען זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער וועט דאָס נישט קענען אויספיהרען.

לאָרד מעלטשעט האָט אָבער גאָר נוט געהאַלט פערפיהרען קיינע דיסקוסיעס, ער איז גלייך אַוועק און אָפּגעוואַרט לאָרד באַלפור, ווען ער איז אַרויס פון אויטאָ צום אַרויפצוגעהן אין לאָרדען-רויז, און איהם בעגריסט:

„האַללאָ, באַלפור! אייערע לאַנגע האָר קליידען אייך פּראַכטפאָל, איהר זעהט אויס, פונקט אַזוי ווי לאָ"ד דזשאָרדזש!"

איידער דער אַלטער באַלפור איז אַריין אין לאָרדען-הויז, האָט ער צוערשט געמאַכט אַ שפּאַציר אין גאַס און אין דער ערשטער ראַזורע, וואָס ער האָט דערזעהען, איז ער אַריין און זיך געהייסען צושערען.

אין מאַכען געבעטען, מען זאָל איהם שניידען די האָר קורץ אויך. —

—0§0—

ר' יוסף הצדיק

(ערצעהלונג)

פון **גיואַי דע מאַפּאַסאַן**

זיי זענען געווען שיכור, אונגאַנצען שיכור, די באַראָנעסע אַנדרעא דע פֿרע-ניער און די גרעפֿין נאָעמי דע גאַרדאַ.

זיי האָבען געהאַט געגעסען זאַלבע-נאַנד, און דעם זאַל מיט די פֿענסטער אַרום, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט צום ים. זאַנפֿטע ווינטלעך פֿון אַ זומערדיגען אָוונט, צוגלייך אַז וואַרעם, אַז קיהל האָבען אַריינגעפֿלאָגען דורך די אָפֿענע פֿענסטער, — ווינטלעך, וואָס האָבען גע-שמעקט מיט ים. די צוויי יונגע פֿרויען זענען אויסגעצויגען אויף לאַנגע שטולען, האָבען פֿון מינוט צו מי-נוט גענומען שאַרטרעז ווייַן, האָבען גע-רייכערט ציגאַרעטען, און זיך דערצעהלט אינטימע זאַכען, אַזוינס, וואָס נאָר די אַנגענעהמע אונגעריכטע שיכרות האָט עס געקאָנט אַרויסברענגען אויף זייערע ליפּען.

זייערע מענער האָבען בײַטאָג זיך גע-ראַט אומגעקערט צוריק קיין פּאַריז, אי-בערלאָזענדיג די פֿרויען אויף דער קליי-נער פֿערלאָזענער פּלאַזשע, וואָס זיי האָ-בען אויסגעקליבען, כדי צו פֿערמיידען די גאַלאַנטע פֿרויען-יעגער פֿון די מאָדישע וואַסער-פּלעצער. איינף טעג אין דער וואָך זענען די מענער גע-ווען אַוועק, און זיי האָבען זיך געשראָקען פֿאַר די דאָרפֿישע פֿערוויילונגען, פֿאַר די פּיקניקעס אויפ'ן גראָז, פֿאַר די לעקציעס אין שווימען און פֿאַר דער שנעלקייט, מיט וועלכער עס ווערען געשלאָסען בע-קאַנטשאַפֿטען צווישען די זומערדיגע לע-בענס-גענאָסען בײַם ים. זיי האָבען דערוויבער געדונגען אַ הויז אין דעם מאָל פֿון ראַק-ויל, וואָס איינער אַ מאָדנער מענש האָט אויפֿגעבויט און פֿערלאָזען, און זיי האָ-בען דאָרט פֿערבראַכט זייערע ווייבער אויפ'ן גאַנצען זומער.

זיי זענען געווען שיכור. נישט קענענ-דיג איבערטראַכטען עפּעס בעסערס אויף צו צושטרייען זיך, האָט די באַראָנעסע גע-וואָלט פֿערבעטען די גרעפֿין צו זיך אויף אַ פֿיינעם מיטאָג, מיט שאַמפּאַניער. צו-ערשט האָבען זיי שטאַרק הנאה געהאַט פֿון קאָכען אַליין דעם מיטאָג; דערנאָך האָבען זיי געגעסען מיט אַ פֿרעהליכען אַפּעטיט, טרינקענדיג נאָכאַנאַנדער צו שטילען דעם דאָרשט, וואָס די היץ פֿון פֿרי-אָוונט האָט אין זיי אויפֿגעוועקט. אַצט האָבען זיי געפֿלוידערט און זיך געמאַכט נאַריש, רויכערענדיג ציגאַרעט-לעך און בעגיסענדיג יעדע ווײַלע דעם גו מען מיט שאַרטרעז-ווײַן. יאָ, זיי האָבען מעהר אונגאַנצען נישט געוואוסט, וואָס זיי האָבען גערעדט.

די גרעפֿין, מיט די פֿיס אין דער לופֿ-טען, אויפ'ן ווענטעל פֿון שטול, איז גע-ווען נאָך מעהר בערוישט פֿון איהר חבר'טע.

— אַזאַ אָוונט, ווי דער, — האָט זי געזאָגט, — וואָלטען מיר בעדאַרפֿט פֿאַר ענדיגען מיט געליבטע. ווען איך וואָלט עס פֿריהער געווען פֿאָראויסגעזעהן, וואָלט איך געהען געשיקט נאָך צוויי פֿון פּאַריז און וואָלט דיר אָפּגעטראָטען איי-נעם...

— איך, — האָט די אַנדרעע געענט-פֿערט, — איך קען שטענדיג קריגען אַ מאַן, אַפֿילו היינט אויף דער נאַכט, ווען איך זאָל נאָר וועלען.

— לאָמיר עס טון! און ראָקוויל, מיין טייערע? מיינסט אַ פּויער?

— ניין, נישט אונגאַנצען אַזוי.

— נו, דערצעהל.

— ווער איז דיין געליבטער?

— מיין טייערע איך, זעהסטו, קאָן נישט לעבען אָהן אַ מאַנ'ס ליבע. ווען קיינער וואָלט מיר נישט ליב געהאַט, וואָלט איך זיך געפֿיהלט, ווי איך וואָלט געווען טויט.

— איך אויך אַזוי.

— נישט אמת?

— יאָ, די מענער פֿערשטעהען עס נישט. אונזערע אוודאי נישט.

— ניין, זיי פֿערשטעהען עס גאָרנישט. ווי קאָנסטו גאָר פֿערלאַנגען, אַז עס זאָל זיין אַנדערש? די ליבע, וואָס מיר פֿער-לאַנגען, בעשטעהט פֿון קאַפּריזען, לוס-טיגקייטען, פֿון עלעגאַנטע איינפֿאַלען. דאָס איז די שפּייז פֿאַר אונזער האַרץ. מיר קאָנען אָהן דעם זיך גאָרנישט בע-געהען און לעבען...

— מיר קאָנען זיך נישט בעגעהען.

— איך מוז פֿיהלען, אַז עמיצער טראַכט פֿון מיר, שטענדיג, אומעטום. ווען איך שלאָף איין, ווען איך כאַפּ זיך אויף פֿון שלאָף, מוז איך וויסען, אַז מען האָט מיך ערגעץ ליב, אַז מען חלומ'ט פֿון מיר, אַז מען פֿערלאַנגט מיך. אָהן דעם וואָלט איך געווען אונגליקליך, אונ-גליקליך אַזוי אונגליקליך, ביז צום ווײַ-נען.

— איך אויך אַזוי.

— אַנדרעש, מאָל דיר, קען עס גאָר-נישט זיין. ווען אַ מאַן איז געווען צו דיר זעהר איידעל זעקס מאָנאַט צייט, אָדער אַ יאָהר, אָדער צוויי יאָהר, ווערט ער מיט גוואַלד אַ חיה... ער שטעלט זיך מעהר פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּ. ער ווייזט זיך אַרוים אַזוי, ווי ער איז אין דער אמת'ען, ער מאַכט סצענעס פֿאַר די רע-כענונגען, וואָס דו שטעלסט אויהם צו, פֿאַר אַלע רעכענונגען. מען קאָן נישט ליב האָבען אויהם, וואָס מען לעבט מיט אויהם שטענדיג.

— יאָ, דאָס איז זעהר אמת'דיג.

— אפֿשר נישט אַזוי?... יאָ, וואו האָב איך געהאַלטען? איך געדענק שוין גאָר-נישט.

— דו האָסט געזאָגט, אַז אַלע מענער זענען ווילדע חיות.

— יאָ, חיות... אַלע.

— דאָס איז אמת.

— און דערנאָך?

— וואָס האָב איך דערנאָך געזאָגט?

— איך ווייס נישט, דו האָסט עס נאָך נישט געזאָגט.

— איך האָב דאָך עפּעס געהאַט דיר צו דערצעהלען...

— יאָ, ריכטיג... וואַרט אַ ווײַלע...

— שוין, איך האָב עס...

— דערצעהל, איך הער.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך געפֿין אומעטום געליבטע.

— ווי אַזוי טוסטו עס?

— אָט... הער זיך גוט איין. ווען איך קום אָן אין אַ נייעם פּלאַץ, קוק איך זיך גוט אַרום און מאַך זיך מיין אויסוואַהל.

— דו מאַכסט דעם אויסוואַהל?

— אוודאי, ווי דען? צוערשט קוק איך זיך איין און פֿרעג זיך נאָך. אַ מאַן מוז פֿריהער פֿון אַלץ זיין אַ מענש מיט שכל, ריין און האָבען אַ פֿיינע האַנד. נישט ריכטיג?

— דאָס איז אמת.

— און ווידער מוז ער מיר געפֿעלען, ווי אַ מאַן.

— אוודאי.

— דערנאָך נאַר איך אויהם אַריין.

— דו נאַרסט אויהם אַריין?

— יאָ, ווי מען טוט עס בײַם כאַפּען פֿיש. האָסט קיינמאָל נישט געכאַפּט פֿיש אויף אַ ווענטקע?

— ניין, קיינמאָל נישט.

— מעגסט עס בעדויערען. עס איז אַ פֿיינע פֿערוויילונג. דערצו נאָך לערנסטו עפּעס דערפֿון. אַלזאָ, איך נאַר אויהם אַריין...

— ווי אַזוי טוסטו עס?

— גענוג — שוין גענוג, נאַרעלע וואָס דו ביסט... גלויבען מיר דען נישט די מענער, וואָס מיר ווילען נעהמען, גלייך ווי זיי וואָלטען געהאַט דעם אויס-וואַהל? און זיי גלויבען נאָך... די טיפּ-שים... אַז דאָס קלייבען זיי אַליין אויס... די אמת'ע אויסקלייבערינס זענען אָבער מיר... שטענדיג מיר... מאָל דיר, ווען אַ פֿרוי איז נאָר נישט מיאוס, און נישט נאַריש, אָט אַזוי ווי מיר, וועלען אַלע מענער זיך יאָגען נאָך איהר, אַלע אָהן אויסנאַהם. פֿון פֿריהמאָרגען ביז אָוונט מאַרשירען זיי פֿערביי... און וואַרפֿען מיר אויף אייגעם אַנ'אויג, דעמאָלט פֿער נאַרען מיר אויהם...

— דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט גע-זאָגט, ווי אַזוי דו טוסט עס.

— ווי אַזוי איך טו עס?... איך טו גאָרנישט. איך לאָז אויהם בלויז קוקען אויף מיר, — און שוין!

— לאָזט אויהם קוקען אויף דיר?...

— יאָ, דאָס איז גענוג. ווען דו לאָזט אַ מאַן קוקען אויף דיר עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד, ווערט ער באַלד האַלטען, אַז דו ביזט די שעהנסטע און די רייצענדיג-סטע פֿון אַלע פֿרויען... דעמאָלט הויבט ער אָן זיך ליבען אין דיר. איך... איך גיב אויהם צו פֿערשטעהען, אַז ער איז נישט שלעכט, אָבער אָהן רייה, פֿער-שטעהסט זיך... און ער באַלט, ווי אַ קלאָץ. ער איז אויסערגעוועהנליך שרעקעדיג; דאָס געדויערט מעהר, אָדער וועניגער, לויט זיינע מעלות נאָך.

— אַזוי נעהמסטו אַלע מענער, וואָס דו ווילסט?

— כמעט אַלע.

— זענען נישט פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס שטעלען זיך ענטקעגען?

— עס טרעפֿט אַמאָל.

— פֿאַרוואָס?

— פֿאַרוואָס, פֿרעגסטו? אַ מאַן זאָגט זיך אָפּ פֿון אַ פֿרוי, ווי יוסף האָט עס געטאָן, צוליב דריי זאַכען: אָדער ער איז שטאַרק פֿערליבט אין אַנ'אַנדערע; אָדער ער איז אויסערגעוועהנליך שרעקעדיג; אָדער ער איז... ווי זאָל איך עס זאָגען?. נישט פֿעהיג צו דערפֿיהרען ביז'ן סוף דעם זיג איבער אַ פֿרוי...

— אַ, מיין טייערע!... דו גלייבסט אַזוי?...

— יאָ... יאָ.. איך בין זיכער אין דעם.. עס זענען פֿאַראַן פֿיל מענער פֿון דעם לעצטען סאָרט. זעהר פֿיל, זעהר פֿיל... אַ סך מעהר, ווי מען מיינט. זיי זעהען אויס, ווי אַלע... זיי קליידען זיך ווי אַלע אַנדערע מענער... זיי שטעלען זיך אַרוים ווי די פּאַוועס... ניין... ניין, איך האָב אַ טעות... זיי קאָנען זיך נישט פֿאַנאַנדער-שפּרייטען, ווי די פּאַוועס.

— אַ, מיין טייערע...

— און מכח די שרעקעוודיגע. זענען זיי אַמאָל אומגעגליך נאַריש. דאָס זע-נען מענשען, וואָס קאָנען אוודאי זיך גוט אויסטאָן אַפֿילו נאָר צו לייגען זיך אַליין שלאָפֿען, אויב עס איז פֿאַראַן אַ שפּי-געל אין זייער צימער. מיט זיי מוז מען זיין ענערגיש. מען מוז בענוצען אַ בליק און אַפֿילו אַ פֿויסט. אַמאָל העלפֿט אַפֿילו דאָס אויך נישט. זיי ווייסען קיינמאָל נישט, ווי אַזוי און פֿון וואַ-נען אָנצוהויבען. ווען דו ווענדסט אָן דאָס לעצטע מיטעל און פֿערלירסט פֿאַר זיי דעם בעוואוסטזיין... מונטערען זיי דיך אָפּ... און טאָמער קומסטו נישט אַזוי שנעל צו זיך... רופֿען זיי נאָך הילף... מעהר פֿון אַלץ געפֿעלען מיר אָבער די געליבטע פֿון אַנדערע פֿרויען. יענע נעהם איך אַוועק מיט שטורעם, מיט... מיט... מיט דעם שאַרף פֿון דער שווערד, מיין טייערע!

— דאָס אַלץ איז זעהר פֿיין... וואָס מוזסטו אָבער, ווען עס זענען נישטאָ קיין מענער, אַ שטייגער, ווי איצט?

— איך געפֿין זיי שוין.

— דו געפֿינסט זיי? וואו?

— אומעטום. וואַרט דאָס דערמאָנט מיך אָן מיין געשיכטע.

— מיט צוויי יאָהר צוריק האָט מיין מאַן מיך אַוועקגעשיקט פֿערברענגען דעם זומער אויף זיין לאַנד אין בוגראַל. דאָרט איז גאָרנישט געווען... אָבער, פֿערשטעהסטו מיך, טאַקע גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט! אין די אַרומיגע הויפֿען בלויז עטליכע מיאוס'ע, גורנע בריאים, יעגע, וואָס לעבען אין שלעסער אָהן בעטער, פֿון יענעם סאָרט מענשען; וואָס לייגען זיך פֿערשוואַרצעטע שלאָפֿען און וואָס מען קאָן זיי גאָרנישט אויסבעסערען, ווייל אונרייניקייט געהט אַריין אין זייער לעבענס-פּרינציפּען.

איז טרעף, וואָס איך האָב געטאָן.

— איך קאָן נישט טרעפֿען.

— איך האָב דעמאָלט געהאַט איבער-געלייענט אַ באַרג מיט ראָמאַנען, וואָס אַרבייטער זענען פֿון און ערעל און די מענשען פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט זענען פֿערפֿרעסען. איך האָב אין דעם לעצטען ווינטער געראַט געזעהן אין טעאַ-טער אַ פּיעסע פֿון דעם סאָרט, וואָס האָט געהאַט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַר-קען איינדרוק. איינער פֿון אונזערע פֿער מערס האָט געהאַט אַ זוהן אַ שעהן יונג-נעל פֿון צוויי-און-צוואַנציג יאָהר. ער האָט געהאַט שטודירט צו זיין אַ פּריס-טער. ער האָט אָבער שפּעטער פֿערלאָ-זען דעם סעמינאַר, ווייל דאָס שטודירען איז אויהם נישט געווען צום האַרצען. נו, האָב איך אויהם אַריינגענומען צו זיך פֿאַר אַ דינער...

— אַ... און דערנאָך?..

— דערנאָך... דערנאָך, מיין טייערע, האָב איך אויהם בעהאַנדעלט פֿון אויבען אַראָנטער, ווייזענדיג אויהם אין דערזעל-בער צייט אַ היבש ביסעל פֿון זיך. אויהם אָט דעם דאָרפֿס-יונג, האָב איך נישט אַריינגענאַרט, איך האָב אויהם אָנגעצונ-דען!...

— אָ, אַנדרעא!

— יאָ, איך האָב אַפֿילו שטאַרק הנאה געהאַט דערפֿון. מען זאָגט, אַז דינער רעכענען זיך נישט פֿאַר קיין מענער. יאָ, ער האָט זיך ביי מיר נישט גערעכענט. איך האָב אויהם געקלונגען צו געבען אויהם מיינע בעפֿעהלען יעדען פֿריהמאָר-גען, ווען מיין שטוב-מעדעל האָט מיך אָנגעטאָן, און אויך יעדען אָוונט, ווען זי האָט מיך אויסגעטאָן.

— אָ, אַנדרעא!

— מיין טייערע, ער האָט געפֿלאַקערט, ווי אַ שטרויערנער דאַך. און ווידער, ביים טיש בשעת'ן עסען, האָב איך פֿון קיין זאַך נישט גערעדט, ווי נאָר פֿון ריינקייט פֿון קערפּערליכע זאַכען, פֿון שפּריץ-בעד און וואַנעס. עס איז אַוועק אַזוי

(ענדע זייט 11)

דער בעליידיגטער שלום-עליכם?

דער גרויסער שריפטשטעלער צערייסט אין פיצלעך דעם מאַנוסקריפט פון זיינער א דראַמע

— דערצעהלט פון — **א. טראַצקי** (בערלין)

אליהו טראַצקי, אַן אָנגעזעהענער רוסישער זשורנאַליסט, וואָס איז אין די פֿאַר-מלחמה יאָהרען געווען דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער גרעסטער רוסישער טאָג-צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ" דערצעהלט דאָ וועגען אַ דראַמאַטיש ווערק פֿון שלום עליכם'ען, וואָס איז ביז יעצט נישט געווען בעקאַנט נישט דער גרויסער יודישער עפֿענטליכקייט און נישט דעם געגען קריטישע ליטעראַטור-פֿאָרשער און היסטאָריקער.

די יודיש-דייטשע און יודיש-רוסישע אינטעליגענץ, וואָס האָט פֿאַר דער מלחמה געלעבט און געאַרבייט אין בערלין, פֿלעגט פֿערברענגען די פֿרייע צייט אין „קאַפֿע מאָנאָפּאָל".

„קאַפֿע מאָנאָפּאָל" האָט סימבאָלי-זירט דעם אָלימפּ און בעזוכער האָבען זיך געפֿיהלט ווי כהנים פֿון אַ היילגטום. זעלבסטפֿערשטענדליך האָבען צוגערייז-טע געסט קיין בערלין נישט געקאָנט אויסמיידען דעם „קאַפֿע מאָנאָפּאָל". דאָרט זענען לאַנגע שעהן אָנגעזעסען לע-אָניד אַנדרעיעוו, מאַקסים גאָרקי, דער פֿעטשאַפֿעגער געאָרגי פּעטראָוו, שלום אש, חיים זשיטלאָווסקי, פּרינגין, שלום עליכם, אָסיפּ דימאָוו, אקים וואָלינסקי און פֿיל, פֿיל אַנדערע וועלכע נעמען עס האָבען בעשיינט די רוסישע און יודישע ליטעראַטורען.

און דעם דאָזיגען קאַפֿע האָב איך מיך צום ערשטען מאָל בעקענט מיט שלום עליכם דאָס איז געווען אין יאָהר 1918. ער איז געקומען פֿון רוסלאַנד קיין בערלין, וואו ער האָט זיך בעזעצט מיט זיין פֿאַמיליע און פֿערהייראַטע טעכטער. מיר האָבען געוואוינט אין שכנות אין שאַרלאָטענבורג און זענען אָפֿט אַריינ-געקומען איינער צום צווייטען און פֿון צייט צו צייט צוזאַמען בעזוכט דאָס בעליבטע קאַפֿע-הויז.

מיך, דעמאָלט נאָך אַ גאַנץ יונגער זשורנאַליסט, האָט די פּערזענליכקייט פֿון שלום-עליכם שטאַרק צוגעצויגען זיין ביטערער, צייטנווייז גאַלוגער וויץ, זיין בלייצענדיגער שאַרפֿזין און גלענצענדער טאַלאַנט, האָט מיך שטאַרק אנטפאַנגען. די בערלינער ציוניסטען האָבען שלום עליכמען ממש געטראָגען אויף די הענט. פֿאַר זיינע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונ-גען איז שווער געווען אויסצוזוכען אַ ענטשפּרעכענדיקען לאָקאַל. מחמת קיין איין בערלינער לאָקאַל האָט נישט גע-קענט אַריינעהמען די צאָהל מענשען, וואָס האָבען געוואָלט הערען דעם בע-רימטען שרייבער.

דער ענטוזיאַסט און רייכער בערטאָלד פֿייוועל, — איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿערכישופֿטער אַרום שלום-עליכמען. פֿער-שפּרייטענדיג אַרום דעם שריפֿטשטעלער אַן אַטמאָספֿערע פֿון פֿערערונג און ענטזי-צוקונג.

— עס איז דאָס ליכט, וואָס קומט פֿון מזרח!... שלום-עליכם איז אַ סימ-באָל! איהר פֿערשטעהט, אַ סימבאָל!... נאָר דאָס מזרח-יודענטום וועט אונזער פֿאָלק אויפֿלעבען. דאָרט אין רוסלאַנד און אין פּוילען ליגען בעהאַלטען די נאָך נישט נעריהרטע כחות פֿון אונזער פֿאָלק. לאַכט נישט פֿון מנחם מענדלען; זיינע בענדער וועט מען נאָך שטודירען אין אוניווערזיטעטען. זיי וועלען אָנצונ-דען אַ נייע ליכט אין יודענטום. די אוני-נקלער פֿון שלום עליכם'ס פּערסאָנאַ-זשען וועלען אַריין אין דער געשיכטע און צוזייען די קייטען פֿון געטאָ. וואָס מעהר שלום-עליכמ'ס!...

פֿייוועל'ס ענטציקונגען האָבען דעם אומ-שטערבליכען הומאָריסט כמעט ווי נישט גערירט. צוקוקענדיג זיך צו שלום עלי-כמען, האָב איך בעמערקט אַז ער איז עפּעס נישט צופֿרידען. עפּעס בעהאַלט ער אין זיך. ער פֿלעגט זיך אַזוי ווי ברו-גז'ן, האָט לאַנג געשוויגען און גלייכגילי-טיג זיך בעצויגען צום קטורת, וואָס מען האָט אַרום אויהם געדעמפֿט.

איינמאָל זיצענדיג מיט אויהם ביי אונ-זער „שטאַם-טיש", האָב איך בעשלאָ-סען אויהם צו פֿרעגען די סיבה פֿון זיין איינגעשלאָסענקייט. געמעגדיג און אַכט דעם אומגעריהר פֿון אונזערע יאָהרען, וואָלט מען דאָס געקאָנט בעטראַכטען ווי אַ טאַקטלאָזיגקייט, אָבער שלום עליכם האָט זיך צו מיין נייגעריגקייט אַנדערש בעצויגען.

— איך אַרבייט איצט איבער אַ דראַ-מע פֿון יודישען לעבען. איך וויל פּרוּ-ווען דאָס גליק אַלס דראַמאַטורג. איך בין שוין פֿון דער בעלעטריסטיק מיד געוואָרען, איך ווייס נישט וואָס פֿון מיין פּלאַן וועט אַרויסקומען עס דאַכט זיך מיר אָבער, אַז די דראַמע: וועט זיך מיר איינגעבען... אָבער, לאָמיר שוין, וועגען דעם ליין וואָרט נישט; מען דאַרף קיין רעדט נישט מאַכען.

איך ווייס נישט, מיט וואָס איך האָב דעם צוטרוי פֿון שלום עליכמען פֿער-דינט, נאָר ער האָט מיר דעמאָלט פֿער-טרויט די פֿאַבולע פֿון זיין נייעם ווערק. איך בין אַזוי דורכגענומען געוואָרען מיטן אינהאַלט פֿון דער דאָזיגער דראַ-מע און האָב אַזוי טיף געגלויבט אין איהר סצענישען דערפֿאָלג, אַז איך האָב בעקומען פֿון שלום עליכמ'ען אַ דער-לויבניש איבערצוגעבען איהר אינהאַלט אין „רוסקאָיע סלאָוואָ". וועלכע איך האָב דאָ אין בערלין רעפּרעזענטירט.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דאָס מאַ-נוסקריפּט האָב איך נישט געלייענט דער אינהאַלט פֿון דער דראַמע איז מיר גע-ווען בעקאַנט בלויז דערפֿון, וואָס שלום עליכם האָט מיר מינדליך איבערגעגעבען אין אַזוי ווי ער איז געווען אַ ווונ-דערליכער מייסטער איבערצוגעבען זיינע ווערק מיט אַלע קונסטלערישע אייגנצעל-הייטען, האָב איך נישט לאַנגע געהאַט דעם מאַנוסקריפּט, געקאָנט איבערגעבען זיין אינהאַלט.

צום בעדויערען האָט די צייט אָפּגע-ווישט אין מיין זכרון דעם אינהאַלט פֿון שלום עליכמ'ס דראַמע; די מלחמה יאָ-רען. דאָס איבערלעבטע אַ גרויסען טייל פֿון מיין לעבען אַרויסגעווישט אַזוי, אַז פֿאַרשטענדיג צוריקשטעלען די פּיעסע פֿונם פֿערשטאָרבענעם שריפֿטשטעלער איז מיר אונמעגליך. איך געדענק נאָר, ווי אין חלום, אַז די דראַמע האָט גע-שילדערט דעם לעבענס-שטייגער פֿון אַ פּראָווינציאַל-שטעטעל אין דרום-רוסלאַנד, וואו די יודישע יוגענט, צוגעצויגען דורך די מרחקים און ליכט פֿון דער אוניווער-סיטעטען-שטאָט האָט געקעמפֿט קעגען דער אומגעלומפּערטקייט פֿון דער סבי-בה און קעגען דער אכזריות פֿון דער פֿערדראַסטער מאַכט. די דראַמע איז גע-ווען אָנגעפֿילט מיט דער מיסטיק פֿון חדר און בית-המדרש, מיט פּסיכאָ-לאָגישע און לייבען-מאָמענטען, פֿערענ-דיקט האָט זיך טראַגיש: דער הויפּט-העלד איז און נישט גלייכען קאַמף מיט'ן אָרטאָדאָקסישען פֿאַנאַטיזם און מיט'ן צאַרישען קורצזיכטיגען רעזשים געפֿאַ-לען אַ קרבן.

נאָר אויב דער אינהאַלט פֿון דער דראַמע האָט זיך אין מיין זכרון אין אַ געוויסער מאָס אויסגעווישט. געדענק איך דערפֿאַר קלאָר די פּערזענליכע דראַ-מע, וואָס שלום-עליכם האָט אין צוזאַ-מענהאַנג מיט דעם דערמאָנטען ווערק איבערגעלעבט דאָס לעבענס-בלאַט פֿונם פֿערשטאָרבענעם שריפֿטשטעלער, וואָס איז צוזאַמענגעבונדען מיט דער שאַפֿונג פֿון אַ דראַמע וועלכע האָט קיינמאָל נים געזעהן דאָס ליכט פֿון דער בינע. איז אפֿשר דאָס טראַגישסטע וואָס עס האָט ווען עס איז איבערגעלעבט.

גלייך ווי דאָס וואָלט איצט געווען, אַזוי זעה איך דעם אויפֿגעוועקטען שלום עליכמ'ען, ווי ער רוקט אַריין נערוועז די פֿינגער אין דער גרויסער טשופּרינגע און שמייכעלט גליקליך.

— מאָרגען פֿאָהרען מיר צו מאַרטין בובער, איך וועל אויהם איבערלייענען די פּיעסע. עס וועט זיין אַנ'אינטערעסאַנט פּובליקום. זיבען אַ זייגער וועל איך נאָך אייך קומען...

די אויפֿרעגונג פֿונם אויטאָר האָט מיך שוין אָנגעשטעקט איך האָב געוואוסט, אַז היינט ענטשיידט זיך זיין גורל אַלס דראַמאַטורג. איך האָב אויהם אָפּגעוואַרט מיט אַן אומגעדולד. בזמן זיבען איז שלום עליכם ביי מיר געווען. אונטען האָט אונז אָפּגעוואַרט אַנ'אויטאָ. מאַרטין בובער, וואָס האָט שוין געשטעלט אַלס בעדייטענ-דער שריפֿטשטעלער און דענקער, האָט געוואוינט אין זיין ווילע אין צעלענדאָרף. איבערלייענען אַ ווערק ביי בובער'ן איז געווען און נאָך אויך איצט אַ גרויסער כבוד. שלום עליכמ'ס פּאָפּולאַריטעט האָט אויהם דערויף געגעבען אַ רעכט. בובער האָט גערן אָפּגעגעבען זיין ווילע פֿאַר אַ אויסערדערוועהלט פּובליקום וואָס ער האָט פּערזענליך איינגעלאַדען.

דער מהלך פֿון שאַרלאָטענבורג צו בו-בערען איז נישט קיין קליינער. די רייזע אין אַנ'אויטאָ האָט געקאָסט נישט ביי-לינג. איך האָב שלום עליכמ'ען דערויף בעמערקט נאָר ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט אַ קוויי געקוויטש...

ביי בובער'ן האָבען מיר געטראָפֿען אַ באמת אויסערדערוועהלט פּובליקום. דאָ איז געווען ריינהאַרד, מעטעל, דימאָוו, פּיוועל, די דייטשע איבערזעצער פֿון שלום-עליכמ'ס ווערק, איינציגע דייטשע קריטיקער און, אָנגעזעהענע שוישפּיעלער פֿון דער טעאַטער-וועלט. און אַלגעמיין [illegible] אַ בובער'ס פֿרוי אַ דייטשע [illegible] צענטיגע אַדיאַרין.

גלייכצייטיג האָט שלום עליכם. דער ער-שטער אַקט האָט זיך געעפֿענט מיט אַ סצענע אין חדר, וואו קינדער זיצען ביים טיש און זינגען: „אויפ'ן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿייערל"...

דער אָנהויב איז געווען אַ געלונגענער. נאָר וואָס ווייטער עס האָט זיך פֿונאַנ-דערגעוויקעלט די אַקציע פֿון דער פּיעסע האָבען זיך אָנגעהויבען שפּירען בולטע בלויזען: קאָפּ-מלאכה, צוגעשפּיצטקייט און מאַנגעל פֿון יעדער דינאַמיק. די העל-דען האָבען געהאַלטען לאַנגע מאָנאָלאָ-גען, ווי דער גלות, און זייערע מעשים זענען פּסיכאָלאָגיש נישט געווען בערעכ-טיגט. אמת, די הומאָריסטישע מאָמענ-טען זענען געווען אומפֿערגלייכליך, דאָס איבעריגע — האָט ממש איבערראַשט מיט דער אומבעהאָלפֿענקייט. דער אוי-טאָר האָט אַרויסגעוויזען אַ פֿולשטענדי-גע אומבעקאַנטשאַפֿט מיט די עלעמענ-טאַרע געזעצען פֿון דער סצענישער און טעאַטראַלישער טעכניק.

וואָס ווייטער ער האָט געלייענט, האָב איך געפֿיהלט, אַז אין מיר קוהלט אַלץ די אומענדליך ווייט איז געווען דאָס אָנ-געשריבענע פֿון יענעם גייסט-רייכען וואָס דער אויטאָר האָט מיר מיט זיינע ווערטער איבערגעגעבען און ווי נישט ענליך עס איז געווען דער אומבעהאָלפֿענער דראַמאַטורג און פֿערגלייך מיט דעם דערצעהלער, וואָס שפּריצט מיט פֿינקעלדיקען טאַלאַנט. עס האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלויבען, אַז שלום עליכמ'ן האָבען דער קונסטלערישער חוש און אינטואיציע אַזוי פֿערראַטען, אַז ער זאָל נישט פֿיהלען די שוואַכקייט פֿון זיין שאַפֿונג.

איך האָב נאָכגעפֿאָרשט די געזיכטס-אויסדריקען פֿון די צוהערער און פֿון זיי דעם אויסדרוק אַרויסגעלייענט. בלויז צוויי אַקטען פֿון די פֿיר האָט דער אוי-טאָר פֿאָרגעלייענט. אין זיין שטים האָט זיך געפֿיהלט מידקייט און געבראָכענ-קייט.

בעת דער פּויזע האָט די ווירטין איינ-געלאַדען די געסט צום טיי-טיש, און דאָ ערשט האָט זיך אָפּגעשפּילט די אמת'ע דראַמע, וואָס איז געשריבען געוואָרען פֿון לעבען, די פּערזענליכע דראַמע פֿונ'ם קינסטלער.

ביים טיי האָט מען גערעדט אַלץ, נאָר נישט וועגען דער פּיעסע. עס האָט זיך געשאַפֿען אַ שטימונג, ווי גלייך אין דעם הויז זאָל עמיצער האָבען געשטאָרבען. שלום-עליכם איז געזעסען בלייך, ווי די וואַנט. עס איז געווען שווער און פּייני-ליך אויף אויהם אַ קוק צו טאָן. ער האָט שמייכלערהייט געמישט די טיי מיט'ן לע-פֿעלע, נישט דערזעהענדיג און נישט בעמערקענדיג אַרומיגע.

דער אורטייל פֿון דער פּיעסע איז פֿאַר מיר געווען קלאָר אין יעדער דעטאַליר-ונג. אַפֿילו אַזאַ וויצלינג ווי דימאָוו האָט נישט געזאָגט. און זיך געגעבען דרייסטקייט אַריינצוטראָגען אַ פֿריילעכע נאָטע אין דער שווערער שטימונג.

נאָכ'ן טיי האָבען אַלע זיך אָנגעהויבען פֿונאַנדערצופֿאָהרען. שלום עליכם האָט שוין נישט אַרויסגעוויזען קיין חשק מעהר צו ליינען, און קיינער האָט אויהם נישט געבעטען ווייטער דאָס צו לייענען. די האַנט-דרוקען האָט ער אָנגענומען אַלס וואָרטלאָזע אויסדרוקען פֿון מיטגעפֿיהל. און וואָס האָט מען באמת אויהם געקאָנט זאָגען? פֿאַר אַלעמען איז געווען קלאָר. אַז די דראַמאַטישע שאַ-פֿונג פֿונ'ם בעריהמטען הומאָריסט, איז אַ טויט-געבוירען קינד.

אַ היים זענען מיר געפֿאָהרען מיט דער באַהן. אויפ'ן וועג האָט שלום עליכם דעם מאַנוסקריפּט צעריסען אויף פּיצעלעך און עס געלאָזט דורכ'ן פֿענסטער מיט'ן ווינט לאַנג האָבען זיך די קליינע שטיקלעך פּאַ-פּיר געדרעהט אין דער לופֿט, ווי אַ שניי-פֿאַל, און דערין האָט זיך געפֿיהלט עפּעס טראַגישעס בית-עולמ'דיקעס...

מיר זענען שטיל געזעסען איינער אַ קעגען אַנדערען, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר צופֿאָרענדיג צו שאַר-לאָטענבורג, האָט שלום-עליכם מיט אַ שמייכעל בעמערקט.

— צום צווייטען מאָל לעב איך איבער אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע דאָס ערשטע מאָל — אין קיעוו, ווען כ'האָב פֿערלאָ-רען מיין גאַנץ פֿערמעגען, דאָס צווייטע מאָל — היינט. די היינטיגע קאַטאַסטראָ-פֿע האָט מיך שווערער געטראָפֿען...

אין מיינע ווייטערדיגע בעגעגנונגען מיט'ן פֿערשטאָרבענעם שריפֿטשטעלער האָבען מיר זיך עפּעס אַזוי ווי אָפּגעמי-דען וועגען דער געשיכטע מיט דער פּיעסע נישט צו דערמאָנען.

צו וואָס גראַבלען די וואונדען?

ראַקעטען

אַ זאַמלונג קאַלאַמבורען פון אַ מ י ק (לאָדז)

נאָכדריקען פֿערבאָטען

דאָס וויכטיגסטע אין לעבען איז, צו קאָנען לעבען די צרות פֿון לעבען — איבערלעבען...

ס'איז נאַריש פֿון אַ פֿרוי צו פֿערלאַנ-גען, זי זאָל נישט האָבען קיין ערנסטע — פֿערלאַנגען...

אָט-דאָס איז דער חילוק פֿון אַ באַנ-קיר ביז אַ פּאָעט: דער ערשטער שאַפֿט בענק און דער צווייטער געהט תמיד אַרום מיט — בענקשאַפֿט...

אַז אַ מאַן דערליבט זיך צו אינטערעס-סירען מיט אַ פֿרוי'ס פֿערגאַנגענהייט אַז טראַכט צו פֿערבעסערען איהר צוקונפֿט, איז אַ סימן, אַז ס'איז אויהם זעהר סימ-פּאַטיש איהר — געגענוואַרט...

צווייערליי פֿרויען זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט: שלעכטע און נאָך — ערגע-רע...

קיין שום זאַכען זענען נישט אַזוי וויכטיג ביי די מענשען, ווי בלייפֿעדער: מ'רעכענט זיך מיט זיי...

דורך קיין שום מענש ווערען די מענ-שען נישט אַזוי דערהויבען, ווי דורך אַ — לופֿט-פֿליהער...

די ערגסטע צייט איז פֿאַר אַ מענשען, ווען ער שטאַרבט — פֿאַר דער צייט...

אַ שעהנער פֿרוי זענען מענער מוחל, אַז זי האָט אַ — מעמט מוח'ל...

—:0:—

פֿון גענוצטע עסענס קאָן מען אויך קראַנק ווערען

(מעדיצינישע שמועסען) — פֿון ד"ר ס. קלאַרמאַן

אַ סך מענשען, אַפֿילו געבילדעטע, רעדען זיך איין, אַז דאָס צוזאַמענמישען פֿון פֿאַרשידענע שפּייזען זענען שעדליך און זאָגאַר גיפֿטיג. אַזוי, אַ שטייגער, מיינט מען, אַז געוויסע פֿרוכטען, בעזונדערס פּאָמעראַנצען און ציטראָנען, נאָך מילך זענען זעהר אומגעזונט און קאָנען אין מאָגען אָנטון גרויסע צרות. אַלטוועלטליכע ייִדען דענקען, אַז די קאָמבינאַציע פֿון פֿלייש און פֿיש איז ווער ווייסט וואָסער סכנה. איך האָב שוין אַפֿילו אַמאָל געהערט פֿון אַן אַלטפֿרענקישען משכיל, אַז דער פֿערבאָט פֿון דער תורה פֿון „לא תבשל גדי בחלב אמו", מ'דאַרף ניט עסען מילכיגס מיט פֿליישיגס, איז אַפֿילו על־פּי דאָקטאָרישע שעדליך פֿאַר'ן געזונט. אָבער דאָס זענען אַלטע איינגערעדענישען און בויך־סברות, אויף וועלכע עס איז זיך נאָר נישט כדאי אָפּצושטעלען. דערפֿאַר אָבער זענען פֿאַראַן דווקא גאַנץ געזונטע שפּייז, וואָס ווערען בעניצט אין טעגליכען לעבען פֿון אַלע מענשען, וואָס קאָנען דאָך זיין זעהר אומגעזונט פֿאַר געוויסע מענשען. זעהר ווייניג מענשען ווייסען דערפֿון, און אַפֿילו די מעדיצין האָט ביז נישט לאַנג זעהר ווייניג אויפֿמערקזאַמקייט געשענקט דערויף, כאָטש דער ענין איז דווקא פֿון זעהר גרויסער וויכטיגקייט.

עס איז צוריק מיט אַ פֿערהעלטנישמעסיג קורצער צייט אויסגעפֿונען געוואָרען, אַז עס זענען פֿאַראַן מענשען, וועמעס בלוט פֿערמאָגט אַ בעזונדער איינגענשאַפֿט, וואָס רעאַגירט, אָדער ווירקט אויף געוויסע זאַכען, וואָס קומען אַריין אין קערפּער. ווי געוויסע עלעמענטען פֿון שפּייז אַנדערש ווי ביי אַנדערע מענשען. דאָס בלוט פֿון אַזעלכע מענשען איז, הייסט דאָס, אַ בלוטיגער שונא פֿון געוויסע אַלטעגליכע מאכלים, און ווי שונאים פֿיהרען זיי צווישען זיך אַ שטענדיגע מלחמה, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען. און צווישען דער באַבע און דער קומפּעטאָרין, ווי מ'זאָגט, ווערט דערווייל דאָס קינד דערשטיקט. אַנדערש גע־[...]

פֿון דער סדרה

פּערל פֿון אַלטען אוצר

געזאַמעלט פֿון

פּ. ז. גליקסמאַן

בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו. פּאַרוואָס שטעהט דאָ „באָ" און נישט „לך", ווי ס'שטעהט אַנדערש וואו? די כוונה איז: דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן, קום צו פּרעה, ד. ה. דערנעהנטער דיך צו איהם, און ווער זאָלסטו פֿרעגען, ווי קאָן מען זיך דערנעהנטערן צו אַן אדם רשע, זאָלסטו וויסען, „כי אני הכבדתי את לבו", אַז איך האָב זיין האַרץ שווער געמאַכט, מה־דאָך, אַלזאָ, איך קאָן זיין האַרץ שלעכט מאַכען, קאָן איך עס דאָך גוט מאַכען צוליב מיין פֿאָלק ישראל אוודאי, וואָרום אַ מדה טובה איז מעהר, איידער אַ מדת רעה. זיין האַרץ איז געמליך אין מיין האַנד.

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער).

* * *

ולמען תספר באזני בנך ובן בנך-לא נשאר ארבה אחד בכל גבול מצרים. פּאַרוואָס שטעהט עפּעס דווקא ביי דער מכה פֿון ארבה (היישרעק), אַז דו וועסט דאָס דערצעהלען דיינע קינדער און קינדס־קינדער? דערפֿאַר, ווייל די דאָזיגע מכה איז געווען אַן אויסנאַהם דערמיט, וואָס פֿון איהר איז געבליבען אַ רושם אויף אייביג, ווי דער רמב"ן ברענגט אויף דעם פּסוק „לא נשאר ארבה אחד בכל גבול מצרים" אינ'ם נאָמען פֿון רבינו הגאל, אַז אין מצרים איז געבליבען דאָס דאָזיגע נאַטור־געזעץ ביז'ן היינטיגען טאָג, אויב ס'קומען דאָרט אַריין היישרעקען, טוען זיי קיין שאָדען נישט; ווען ס'טרעפֿט זיך, אַז היישרעקען פֿאַלען אַריין אין ארץ־ישראל און פֿון דאָ פֿליהען זיי קיין מצרים, דעמאָלט פֿרעסען זיי נישט אָפּ די פֿרוכטען פֿון לאַנד. אַזוי אַרום פֿרעגען דאָך די קינדער, בעוואונדערנדיג די דאָזיגע ערשיינונג, פּאַרוואָס איז דערמיט מצרים אַנדערש ווי ארץ־ישראל, ענטפֿערט מען זיי, אַז דאָס איז אַ וואונדער פֿון אויבערשטען, דערפֿאַר, וואָס משה האָט אַמאָל פֿאַר יציאת מצרים געזאָגט „לא נשאר ארבה אחד בכל גבול מצרים.

(כלי יקר).

* * *

ויהי חושך אפלה בכל ארץ מצרים-ולכל בני ישראל היה אור במושבותם. בארץ גושן לא נאמר, אלא במושבותם, שכל מקום שהיה יהוד נכנס, היה אור נכנס ומאיר לו מה שבהביות ובחיבלת ופמטמניות. (מדרש רבה), מיט דעם וואָרט „במושבותם",

(ענדע — זייט 11)

הדשים און ענדליך האָט ער אַרויסגערופֿען דעם סולטאַן צו זעהן זיין ווערק. אָבער דער סולטאַן האָט מיט גרויס כעס געלאָזט דורך זיינע קנעכט די ביבליאָטעק ווידער צוואַרפֿען, ווייל דער געלערנטער האָט נישט צוזאַמענגעלעגט די ביכער גלייך: גרויס צו גרויס און קליין צו קליין. און אָט אַזוי האָט זיך דער סולטאַן פֿאַרגעשטעלט אַן אָרדנונג אין אַ ביבליאָטעק. פֿאַר זיין אויג, וואָס האָט נישט געקענט לעזען, איז אַזאַ אָרדנונג — גרויס צו גרויס און קליין צו קליין — געווען אַ מעהר צוגעפּאַסטע...

—:0:—

געהערט, געלעזען און פֿערצייכענט

— פֿון — מ. ר.

צאַר איוואַן דער גרויזאַמער איז געווען איינער פֿון די גרעסטע ביכער־ליבהאָבער פֿון 16־טען יאָהר־הונדערט

עס גלויבט זיך נישט, אָבער עס איז פֿאַקט אַזוי: צאַר איוואַן דער שרעקליכער [...]

די פּרוי

רָאמאַן — פֿון — א. י. גראָדזענסקי

(61־טע פֿאָרטזעצונג)

14.

[...]

חוזק

הומאר און סאטירע פון דער וואך

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

א נייער צענניק

ארויסגעגעבן פון דער שדכנים ביורא

פאר איינפירען א שידוך מיט דער הילף פון קינא 3 פראצענט פון נדן.

פאר אויספיהרען א שידוך אהן דער הילף פון קינא 5 פראצענט פון נדן.

פאר א שידוך מיט ליבע — 3 פראצ. פון נדן.

פאר א שידוך אהן ליבע — 5 פראצ. פון נדן.

פאר פשיטא־יונגע פאציענטען — 50 פראצ. [illegible].

ק. א. צאפ.

פליאטקעס

אונטערגעהערט אין די כיים־קולוארען

ווי מ'שמועסט, זאלען זיך די בעבעי־רעפּאוואטעלעס אפזאגען פון די מאנדאטען — זיי ווילען נישט זיין „אונבערי־הרלער"...

לויט א לעצטע ידיעה פון ווארשא, זאל ביי די יודישע סענאטארען האלטען ביי א שפאלטונג: ר' אשר צירעט אויף רעכטס און מענדעלסאן צו די בע־בע.

יודישע פיעסען־שרייבער

אויף א באנק אין קאליע־גארטען

זיצען צוויי יודישע פיעסען־שרייבער. און וואו זיצען יודישע פיעסען־שרייבער? — אין קאליע־גארטען. איינער ווייזט אן אויף א בחור מיט לאנגע האר: — די זעהסט, יענער האט אנגעשריבען א פיעסע.

נו, און וואס? זאגט דער צווייטער, וועלכער יוד שרייבט היינט נישט קיין פיעסען? אפילו א לאדזער מאנופאקטור־מייסטער שרייבט דאך אויך פיעסען צום מאקס...

אבער זיין פיעסע איז געגאנגען גאנצע אכט וואכען.

אכט וואכען? האט ער דאך געמאכט א סך געלד.

א גראשען נישט.

ווי שויקט זיך עס? די זאגסט דאך, אז די פיעסע איז געגאנגען אכט וואכען?

וואס פערשטעהסטו נישט? ענטפערט דער ערשטער. ער האט ארויסגעשיקט זיין פיעסע צו א טעאטער־דירעקטאר קיין ניו־יארק, איז די פיעסע געגאנגען פיער וואכען אהין, און אזוי ווי דער די־רעקטאר האט די סחורה גלייך צוריק־געשיקט, איז זי ווידער געגאנגען פיער וואכען, אזוי ארים איז די פיעסע „גע־גאנגען" אכט וואכען — פערשטאנען?!

ווייבערישע קאלקולאציע

די היינטיגע ווייבלעך קאלקולירען אזוי:

סיי ווי קלאפט דאך דאס הארץ, טא פארוואס זאל עס נישט קלאפען פאר א מאנספערשוין?

נייע גימטריאות

נישט אומזיסט זאגט מען: אנ'ארימאן איז געגליכען צו א טויטען, ווייל „דלות" איז בגימטריה „מת" 440.

פארוואס ברענגט יעדער טאג נייע דאגות?

ווייל „טאג" איז בגימטריה „דאגה" (13).

לייב שטאפינסקי.

היינטיגע קינדער

זיידע (צום אייניקעל): וואס לערנסטו שוין, מאטעקעלע?

אייניקעל: אלגעברא, געאמעטריע, געאגראפיע.

זיידע: וואס לערנסטו צום בעסטען?

אייניקעל: די שכנ'טעס טעפּע־משע.

א שרעקליכע זאך

אונטערגעהערטער שמועס צווישען צוויי אלטע בחורים

דו הערסט, א שרעקליכע זאך איז צו געהען אויף א חתונה.

נו, האסטו דאך א ברירה נישט צו געהען.

אוריאס! ס'איז דאך מיין אייגענע חתונה...

ווער איז שלום אש?

דיאלאג אין סוחרים־פעראיין

ערשטער סוחר: איהר האט גע־הערט, שלום אש קומט קיין לאדז.

צווייטער: וואס קויפט ער? זומער זאלען צו ווינטער־זאלען?

ערשטער: וואס רעדט איהר? ער איז דאך דער גרויסטער פאטער פון „מאטקע גנב!"

צווייטער: לאזט מיך געמאך! מיט וועמען מאכט מען אלין אין לאדז א צומעס!...

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט שלום אש'ס בעזוך אין לאדז, האט א הונגער זשור־נאליסט - מאנופאקטוריסט, א בעריהמ־טער קארגער, בעשלאסען א וואך צייט נישט צו עסען — ער רוכט זיך אויף מורא'דיגע באנקעטען.

מעדיציינישע עצות

לויט'ן מוסטער פון א ווארש. צייטונג

דער קאטאר

וואס איז דאס אזוינ'ס א קאטאר?

דער קאטאר געהערט צו די קלעפיגע חולאת'ן. אזוי למשל, קען איינער האבען א דאלאר מיט א קאטאר און דערלאנגט יענעם די האנד, זאל ער איהם בלויז אנ־בערגעבען דעם קאטאר אליין...

פאר יונגעלייט און פערדרייווייבעס איז דער קאטאר מיט'ן נוסען אנ'אומגליק: עס מאכט זיך, ווען א מיידעל ערקלערט אזוינעם ליבע און ער נוסט בשעת מעשה צו, דאכט זיך איהר, אז ער בעשטעהט דערויף — פארזוכט מיט'ן קאטאר!...

מ. אמקע.

אט אזוי דארף מען לערנען, יונגעלע!...

פון גראת מאלי.

I.

בריסקער תורה.

בריסק, די שטאט פון גרויסע גאונים
פון דעם ב"ד פון יאשע־בער.
פון די גרעסטע שטעט אין פוילען
ווערט איצט מעהרער פאפולער.

האט מען דארט געלער'נט תורה
מיט'ן שטורעם, מיט'ן קנאק
און, נישט איינער פיהלט עד היום
בריסקער־תורה אויפ'ן באק...

איצטער פילט עס אויך קארפאנטי
וואס איז דען דער אונטערשיד:
זאל אגוי ממאהל דערפיהלען
ווי מען לער'נט מיט א איד...

II.

וועגען זעלבסט־מארד

סמ'ט א מענש זיך צוליב הונגער
צוליב נויט און ליידען שווערע
אזא „זעלבסט־מארד" איז פערשטענדליך
סבלייבט דער טויטער ביי זיין עהרע.

נעמט א מענש'ל זיך דאס לעבען
צוליב קריזיס, צוליב פליטה,
איז אויף איהם אויך א רחמנות
כאטש ער איז א גרויסער שוטה...

אבער, ווער א מענש א יונגער
שיסט אריין אין זיך א קוילעל
ווייל עס טוט איהם שטארק געפעלן
עפעס דארטען אין א מיידעל...

איז מיר שווער א זכות געפינען
שווער מיר נאכצוזאגען שבחים.
איינס נאר ווייס איך בלעמ'ס אייזעל
איז דאך קענען איהם א חכם...

פון אונזער בריף־קאסטען

אנפראגעס פון די לעזער צום „חוזק"

איך בין פון פאך א מוהל, צו געהער איך אויך צום האנדווערקער־קלאס, און צו מוז איך מיר עקזאמינירען?

ענטפער:

איהר געהערט צום פאך פון מענער־שניידעריי. קיין עקזאמען דארפט איהר נישט, ווייל איהר שניידט אהן א מאס.

סאקראטעס

אנפראגע צום „חוזק"

אז א בונדיסט טרעט אן א לינקען פועלי ציוניסט אויף דער ארטישיסקע, צו מוז ער די ארטישיסקע אויסשניידען, אדער ער מעג זי ווייטער טראגען?

א לינקער.

איהם איז וואויל

אז א פארפאלק האט היינטיגע צייטען חתונה, בעקומט דעם נדן דער ווירט, און ביי דער צרה בלייבט דער לאקאטאר.

לייב שטאפינסקי.

דער „חוזק" אין גענף

דערמיט זענען מיר מודיע אונזערע געערטע לעזער און לעזערינס ווי אויך דעם גאנצען כלל ישראל, אז צוזאמען מיט דער גאנצער וועלט־פרעסע האט אויך דער „חוזק" ארויסגעשיקט א ספע־ציעלען שליח קיין גענף, דעם בעקאנטען ליט האגיג פויגעל, וועלכער וועט זיך טיי־לען מיט דעם גאנצען חוזק וואס ער וועט זעהען און הערען אויף די זיצונגען פון דער פעלקער־ליגע.

די רעדאקציע פון „חוזק"

גענף, (טעל. צום „חוזק") צוזאמען מיט די גרעסטע וועלט־דיפלאמאטען בין איך גאר וואס אנגעקומען קיין גענף. דער וויסענדיג זיך, אז דער „חוזק" איז פער־טרעטען אין דער פעלקער־ליגע, האט גע־מאכט א שטארקען רושם.

ראגיג פויגל

גענף (טעלעפ. צום „חוזק") שוין די ערשטע זיצונגען פערנעמט דער „חוזק" דעם אויבען־אן. איך בין דא מ'אויבער־שטע פון שמייסעל. די פראגע וועגען די ענטוואפנונג פון די פעלקער וועט רעפע־רירען דער חוזק אליין.

ראגיג פויגל

וואס איז דאס?

כמעט א רעטעניש

קיינער בארגט עס נישט,
דאך מוזען עס אלע אפגעבען.
קיינער קען עס נישט קויפען
דאך קאסט עס געלט, געזונט און לעבען.
אייב איהר ווילט וויסען,
פרעגט ביים שניידער פון דאמען.
ער וועט אייך ערקלערען,
אז דאס איז דער—
[illegible]

סאקראטעס

א מבול פון מאסקען־בעלער.

אין משך פון קארנאוואל זענען אין לאדז פארגעזעהען פאלגענדע מאסקען־בעלער:

מאסקענבאל פון דער חברה „הכנסת חתנים וכלות", וואו ארימע מיידלעך וועלען זוכען שידוכים.

מאסקענבאל פון „לינת החולים" — פאר די מענער, וואס זייערע ווייבער ליגען אין קימפעט, און ווילען סקאזשישטשען פון דער אקאזיע.

די געזעלשאפט „טאז", וואס היילט פארכעס, ארדענט איין א מאסקען־באל פאר אויפגעקומענע גבירים אין ארריגינעלע פארוקען...

דער פעראיין „תומכי אורחים" אר־דענט איין א מאסקענבאל פאר יונגע־לייט אין מיידלעך, וואו יעדער וועט בעקומען זיין פארציע...

„בית מחסה לזקנים" ארדענט איין א מאסקענבאל פאר זקינות וואס אנדולירען זיך נאך די האהר און מאלעווען זיך די ברעמען.

דער סוחרים־פעראיין ארדענט איין א מאסקאראדע פאר זיינע מיטגלי־דער, זיי זאלען קענען געהען פער־שטעלטערהייט אהן מורא פאר די בעלי חובות.

אפיקורסישע געדאנקען

פון א לאדזער יוד

די גמרא זאגט: ווען יודען וואלטען געהאלטען 2 שבתים, וואלט משיח געקו־מען.

היינט איז יעדען טאג שבת, און משיח וויסט גאר נישט דערפון...

לייב שטאפינסקי.

אזא קדיש לוינט זיך

געלטען האט דער שמש פון דער חוי־געד סינאגאגע אויף פּל. קאשטשושקי בעקומען 100 זל. פאר זאגען א יאהר קדיש.

א וואזשנע זאך, איך קען איינעם, וואס דאס בעקומען מיליאנען פאר איין קדיש.

ווער איז דאס דער?

לארד מעלטשעט'ס יתום, געבער...

ראדיא און קריזיס

ראדיא און קריזיס זענען בייסע גלייך: פון דעם ראדיא קלינגט אין די גאסען, און פון קריזיס הערט אויך צו קלינגען אין די מאשען.

סאקראטעס

אנ'אריגינעלע חתונה־קארטע.

צום „חוזק" איז אריינגעפאלען 8 חתונה־קארטע מיט פאלגענדען אינהאלט:

צו דער חתונה פון אונזערע קינ־דער, וואס קומט פאר אין דעם אין דעם טאג ווערט איהר זעהר העפליך געבעטען אין דעם זעלבען טאג

צו בעקומען די גריפע

און נישט קימען.

אייער נישט קומען רעכענען מיר אלס דאס שענסטע דרשה־געשאנק פון אייער זייט.

די מחותנים

פון ביידע צדדים.

פייגע ראצע אין זאקאפאנע

מאנאלאג פון א יוד, וואס זיין ווייב טוט „אוזשיוועצן" ספארט

פון י. אבערזשאנעק

וואס זאגט איהר צו מיין פייגעלע? א פייגעלע, שוין איינמאל א פייגעלע! אנדערע זאגען, אז זי א.ז נישט קיין פייגעלע, נאר א גאנצער פויגעל — א „פטאשעק", הייסט דאס.

האב איך א פייגעלע און עס פליהט. זומער פליהט זי זיך טובל'ען אין ים, און ווינטער קיהלט זי זיך אפ אין זאקאפאנע.

אזוי א.ז מיין פייגעלע א געזונדע, ווען נישט די „נאפאדען" — און „נא־פאדען" בעקומט זי צוויי מאל אין יאהר: דעם ערשטען „נאפאד" בעקומט זי אין מאי, ווען ס'בעווייזט זיך די זו־מער־זון, און דעם צווייטען „נאפאד" בעקומט זי ארום חנוכה.

אויף וואס ליידט מיין פייגעלע? זאל איך אזוי ווי.סען פון בייז. איך ווייס נאר, אז זי איז „פאר נאדווארעם" פון א דאקטאר.

דער דאקטאר!

אז איך דערמאן מיך אין דעם דאק־טאר, כאפט מיך ארום א הויז. א דאק־טאר, וואס ווייסט נאר פון צוויי זא־כען: פון זיבען חולאת'ן און נעמען גלאטים.

א דאקטאר האט זיך מיין פייגעלע אויסגעזוכט. וואלט ער לאמיש געוועזן אנ'אלטער דאקטאר מיט א ל.סינע אויפ'ן קאפ, מיט א פראקטיקע, וואס פערשטעהט זיך אויף א קרענק. און אבער די צרה, וואס מיין פייגעלע האלט נישט פון אלטע דאקטוירים. אלטע דאק־טוירים, זאגט זי, בעהאנדלען מיט אלטע מעטאדען, און יונגע דאקטוירים האבען נייע מעטאדען, און מיין פייגעלע האלט שטארק פון ד. „נייע מעטאדען".

נו, זאלט איהר דאס זעהן א דאק־טאר, א שניעקעל, די מוטער'ס מולך האט ער נאך אויף די ליפען. א יונג מיט א שווארצע גזשיווע, מיט א פאר גרויסע אויגען, מיט געפרעסטע הויזען, א.ב.ג מיט א גלאטיג ראזירטע טראפּ־בע. נו, איז א חידוש, וואס ווען מיין פייגעלע, ווען זי זעהט איהם בעקומט זי א „פארדווישאנע טעמפעראטור?.."

שרייט איך צו איהר: פייגעלע, וואס טויג דיר אזא דאקטאר, וואס צוליב איהם בעקומסטו א הויכע טעמפערא־טור? ווען.ג אלטע דאקטוירים זענען אין לאדז?

זאגט זי: ניין, דער יונגער דאקטאר האט שוין אודער ארגאניזם, צו קען אנ־דערן דאקטאר האט זי נישט קיין „זא־אויפאניע". קען שוין דאקטאר וועט זי נישט אזוי „דיאגנאזשען" ווי דער יונגע דאקטאר.

נו — מילא, טראכט איך מיר, אז האט צו קען אנדערן דאקטאר נישט קיין „זאאויפאניע", אז נאר דער חברה־מאן מיט דער שווארצער גזשיווע קען איהר „דיאגנאזשען" העלפט דאך נישט.

און מאכט דער יונגער דאקטאר א גאנצער פן בית ביי מיר און שטוב. און היות ווי מיין פייגעלע בעקומט לעצטענס זעהר אפט „נאפאדען", האלט ער זי אין איין „זבאדען". קלאפט און הארכט, הארכט און קלאפט. האלט א קריי אין מאלעווען. ד. פלייצעס זעהען ביי איהר אויס ווי א לאנד־קארטע: פאסיקלעך און פינטעלעך, רעדלעך און שטענגע־לעך.

פרעג איך דעם בחור: פאניע דאק־טאזשע, זאגט מיר, וואס הארכט איהר אזוי פיל?

דאס הארץ איך, זאגט ער, צו די לונ־גען לעבען בשלום מ.ט'ן הארץ...

און אז זיי לעבען נישט בשלום? פרעג איך איהם, וואס זענט איהר עס א שטארקער רודף שלום'ניק, וואס? איהר מיינט דען מיין ווייב'ס הארץ, איהר מיינט דאך מיינע גלאטים!

נאך נישט דאס ב.ן איך אייך אוי־סען צו דערצעהלען. איך וויל נאר אויפ־מערקזאם מאכען אנדערע מענער, וואס האבען ווייבער וואס בעקומען „נאפא־דען", און דאבען „זאאויפאניע" צו יונ־גע דאקטוירים, כדי זיי זאלען נישט האבען אזא סוף ווי איך האב.

הערט א מעשה:

מיט עטליכע וואכען צור.ק, בעמערק איך, אז מיין פייגעלע איז נישט די אייגענע. שייך צו זאגען: נישט די אייגענע? בייטאג איז ז. די זעלבע ווי אלע מאל. פארפט זיך און שמירט זיך, רויכערט פאפיראסען און זינגט שלא־גער'ס, מוטעלט מיט די שכנ'טעס און שפילט „מאדזשאנג". ביינאכט איז ז. די זעלבע ווי אלע מאל, נאר ביינאכט, ביינאכט איז זי נישט די זעלבע — ס'נעמט זי נישט קיין שלאף. ווארפט ז.ך אין סטענקעס, די ודרט זיך אויף דער רעלסער זייט און אויף דער לינקער זייט. רייכערט איין פאפיראס נאך דער צווייטער. איך וויל שלאפען, די אויגען קלעבען זיך, און זי וועקט מיך:

ברוך העריש, דו שלאפסט?

און אזוי בין אין דער פריה. וואס איך כאפ א דוש.ם, וועקט זי מיך אוי־בער: ברוך העריש, דו שלאפסט?

איך בעט אייך, אייך וואלט דאס גע־שמעקט? אין בעסטען שלאף זאל מען אייך וועקען אין ציפען פאר די אויערן? ווען איהר זאלט זיין פון אייזען, וואלט איהר נישט ארויס פון די כלים, האא?

צו מארגענס איך קום אהיים, מיין פייגעלע ליגט אין בעט מ.ט א נאס דאנטוך פערבונדען דעם קאפ, און דער בחור מיט דער שווארצער גזשיווע טוט ז.י „זבאדען", קלאפט און הארכט.

הארכט און קלאפט, לוקט איהר אין די אויגען אריין און צעהלט איהר ד. צען, פרעגט זי אויס, סארע געדאנקען זי האט געהאט אין די שלאפלאזע נאכט. ביזע געדאנקען צו גוטע געדאנקען.

נו, זאג איך, פאניע דאקטאזשע, וואס האט איהר איצט אויסגעקלאפט ביי מיין ווייב? וואס האט איהר א.צט געהארכט ביי מיין ווייב'ס הארץ?

אטער פרוי, ערקלערט ער מיר, לעדט פון א „ראסטראי נערוואוו."

דאס איז דאך עפעס גאר א נייעס! עפעס א פוגק נייע ראסטראיאווע קרענק. איהר האט שוין אמאל געהערט פון א קרענק מיט א ראסטראי? איך הער עס צום ערשטען מאל.

פון וואנען, פרעג איך דעם „פראפע־סאר" מיט דער שווארצער גזשיווע, נעמט זיך צו מיין פייגעלען דער „סטראי?"

דאס קומט, זאגט ער, פון א בער־שטרעננגונג.

מיט וואס טוט זיך עס מיין פייגעלע אזוי שטארק איבערשטרענגען? ביים מאדזשאנג? ביים גאליען די ביינער? צי ביים מוטלען מיט די שכנ'טעס?

און וואס, לויט אייער מיינונג, פאניע דאקטאזשע, דארף מען טון, צו פער־טרייבען מיין ווייב'ס סטראי?

צו דער חולאת, זאגט ער, איז דא איין ר.מעל: זי דארף „אוזשיוועצן" ספארט.

ספארט נאך? הייבען געוועלטער? געהען וואלקעס? פרעכען שטאנגען? שפרינגען איבער א פלויט? פאלסען?

זי דארף האבען זאקאפאנע! ער־קלערט ער מיר.

אז איך האב געהערט: זאקאפאנע, איז מיר געווארען קאלט. איך האב פערשטאנען, אז דאס שמעקט מיט „גרעבערע זאכען", אז פון מיין ווייב'ס „כמראַ" וועט ארויסשפרינגען „סטראַ־יען" — זאקאפאנער סטראיען.

וואס איך האב דעם דאקטאר אנגע־ווינשען, דס בין איך מוחל. דער עיקר איז, אז מיט א וואך שפעטער איז מיין פייגעלע געווען אין זאקאפאנע.

וואלט דאס איך נישט געווען קיין גרויס אומגליק. זאל ז. זיך „אויספאקאַ־יען" די געדרוען. אלע ווייבער פאהרען קיין זאקאפאנע, פארוואס זאל טאקע מיין פייגעל אויך נישט זיין אין זאקא־פאנע? פארוואס זאל זי זיין ערגער פון די געגרוויטע שוכטערן? פארוואס יענטע בראנע ד. פייגעל־בעקערין יא, און פייגע ראצע נישט? וואלט דאס אליין נישט געווען קיין אומגליק, ווען נישט די מעשה מיט'ן דאקטאר — הערט א מעשה:

בלייבענדיג אליין ... היים מיט די פיר ווענד און מ.ט „פאקאיאווי־קע", האב איך געפיהלט, אז איך הייב אויך אן צו קריגען א „סטראי". האב איך דאך פערשטאנען, אז איך דארף אויך „אוזשיוועץ" ספארט. האב איך נישט לאנג געטראכט, האב איבערגע־לאזט די פיער ווענד מיט דער „פאקא־יאווקע" און היידא קיין זאקאפאנע.

האב איך דארט געטראפען מיין פיי־געלען אין א „מעמד". נאר קיין יגדענע נישט — א טאנצער ספארטאוויעץ: מיט ווייסע, פולצענע הויזען, מיט א „מיין" אונטער די אויגען, מיט א פאר הויכע שטיוועל און „גלוטשער'ס" ביי דער זייט, און עפעס אימער א צו־צימער ספארטאוויעץ האלט זי עפעס אונטערן ארעם, ווי ער וואלט מורא געהאט, זי זאל איהם הלילה נישט אנטלויפען, און ווער מיינט איהר, איז עס געווען דער 2־טער ספארטאוויעץ, וואס האט זי אזוי פעסט געהאלטען אונטערן ארעם? — דער דאקטאר!.. דער בחור מיט דער שווארצער גזשיווע, מיט די גרויסע אוי־גען...

איצט האב איך ערשט פערשטאנען, פארוואס מיין פייגעלע האט אזוי אפט בעקומען „נאפאדען", פארוואס דער דאקטאר האט אזוי פיל געקלאפט און געהארכט צו מיין ווייב'ס פלייצעס. פאר וואס מיין יודענע האט נישט געהאלטען פון קיין אלטע דאקטוירים, און פארוואס זי האט נאר געהאט „זאאויפאניע" צו דעם יונגען דאקטאר, וואס קאן שוין איהר ארגאניזם, און קען איהר „דיא־גנאזשען". איצט איז מיר ערשט קלאר געווארען, די סבה פון מיין פייגעלעס שלאפלאזע נעכט, פארוואס זי האט מיך געוועקט און אין מיטען שלאף מיך גע־צויגען פאר'ן אויער: „ברוך העריש, דו שלאפסט? איצט האב איך ערשט פער־שטאנען דעם טעם פון מיין ווייב'ס נייע סטראיאווע קרענק, און צו וואס דער דאקטאר האט זי געהייסען „אוזשיוועץ" ספארט. און פארוואס גראד קיין זאקא־פאנע — איצט איז מיר אלץ געווארען קלאר.

און וואס נאך האב איך מיך דער־וואוסט? איך האב מיך דערוואוסט, אז דער דאקטאר וואס האט פסדר „גע־זבאדעט" מיין פייגעלען, איז סך־הכל — א דאקטאר — פילאזאף... אז ער האט אזא שייכות מיט מעדיצין ווי אנ'א אנודה'ניק צו פרומקייט...

איך דערצעהל אייך די מעשה, כדי איהר זאלט אייך וויסען צו היטען, פאר א ווייב וואס האט „נאפאדען" און האט „זאאויפאניע" צו א יונגען דאקטאר!

—050—

לאדז
23 יאנואר 1931
זון אויפגאנג: 7.23
זון אונטערגאנג: 4.06
פרייטאג,
ה'
שבט תרצ"א
פ' בא
ליכט-צינדן: 3.51

טאג-כראניק

דעלעגאציע צום פרעמיער

געבעטען און ארויסגעפאהרען קיין ווארשא א דעלעגאציע פון לאדזער „פראצא", צו אונטערגרווענירען ביים פרעמיער סלאוועק מיט שטיצע פאר די ארבייטס-לאזע סעזאן-ארבייטער, וואס בעקומען נישט קיין שטיצע.

דינסטאג — שטאט-ראט

די זיצונג פון שטאט-ראט, וועלכע האט געזאלט פארקומען נעכטען, דאנערשטאג, איז איבערגעלעגט געווארען אויף קומענדיגען דינסטאג.

נייע לאוניקעס
פון ארבייטס-געריכט

נעכטען זענען אונטערגעשריבען גע-ווארען די נאמינאציעס פון נייע 150 לאווניקעס פון ארבייטס-געריכט און 70 לאווניקעס פון קרייז-ארבייטס-געריכט אין לאדז. צווישען די לאווניקעס זענען פאראן א העלפט ארבייטער און ארבייטס-געבער, יודען ווי נישט-יודען, פון פיל בראנזשעס.

פון לאדזער האנדעלס-געריכט
—:0:—

אויפגעלעזט דעם נאדזאר פון הערש לעווענבערג
וועגען נאדזאר „טענענבוים און מאלעוואנטשיק"

(5) אין נאוועמבער 1929 איז דער פירמע „הערש לעווענבערג", מאנופאק-טור-האנדעל אויף צוגעל-גאס 43, בע-שטימט געווארען א געריכטס-אויפזיכט אויף דריי חדשים. לעווענבערג'ס אונ-טערנעהמונג עקזיסטירט שוין אין לאדז העכער 40 יאהר און איז געווען בעקאנט מיט איהר רעעלקייט און פונקטליכקייט. אויף דער פראווינץ האט די דאזיגע פירמע געהאט עטליכע הונדערט אפ-נעהמער. אין 1929, ביים רעכטען אנ-הויב פון שטארקען קריזיס, האבען לע-ווענבערג'ס א סך אפנעהמער אפגע-שטעלט די צאהלונגען און אזוי ארום שטארק געקוועלט לעווענבערג'ן. ווילענ-דיג זיך אויסבינדען פון זיינע פערפליכ-טונגען איז לעווענבערג אנגעקומען צו שטערען גאסען-קרעדיט און ביים קליי-נם אומזאץ נאך מעהר נעעגט געווארען פינאנציעל אזוי, אז אין משך פון א קיר-צער צייט איז ער געווען געצוואונגען אויסצוקויפען העכער 100.000 זל. קונ-דישע וועקסעל-פראטעסטען און די הל-נסות זענען געווען מינימאלע. די אלע אומשטענדען האבען הערשט לעווענבערג'ן בעוואויגען אנצוקומען נאכ'ן חסר פון א „גארזאר". דאן האט זיין בולאנס זיך געשלאסען מיט א סומע פון 298,670 זל. די סחורה אויף לאגער האט בעטראפען 240,116 זל.

נאכדעם איז דער נאדזאר נאך 2 מאל פראלאנגירט געווארען און אויף דער לעצטער סעסיע פון האנדעלס-געריכט איז דער „גארזור" נאכ'ן אפלויף פון 9 חדשים אויפגעלעזט געווארען.

* * *

דאס האנדעלס-געריכט האט אויך גע-דארפט בעטראכטען די ביטע פון דער טוכער-אינדוסטריע-פירמע „טענענבוים און מאלאוואנטשיק" (פעטריקאווער 58) וועגען בעשטימען אידער א „גארזור". די דאזיגע אונטערנעהמונג בעלאנגט צו די געזונדע און סאלידע פירמעס פון דער מיטעלער אינדוסטריע אין לאדז, נאך דער קריזיס צווינגט איהר אנצוקומען נאך א געריכטס-אויפזיכט. פון בולאנס איז צו זעהען, אז די פערטיגע סחורות דעקען מיט אנ'עודף די פאסיווען. די אבלוגע האט, לויט דער פירמע, געזאלט געפינען דעקונג און די אקטיווען. די לאדזער האנדעלס-קאמער האט וועגען דער פירמע געגעבען נישט קיין אנברייג-גונסטיגע מיינונג. אויך דער עקספערט אלעקסאנדער הויזמאן האט נישט געגע-בען קיין גוטע מיינונג, צוליב וואס דאס געריכט האט די ביטע נישט בעהאנ-דעלט.

פאבריקאנטען און פערשפרייטער פון פאלשע 5-זלאטי-באנקנאטען פער'משפט אויף שווערע תפיסה

(§) אנהויב פאריגעם יאהר האט די אויספארשונגס-מאכט פעסטגעשטעלט, אז אין לאדז און סביבה ווערט פער-שפרייט אנ'אונגעהויערע צאהל נעפעלש-טע 5-זלאטי-באנקנאטען. דורך א צופאל זענען געפאלען און דער פאסטקע ארויין סיי די געלד-פאבריקאנטען, סיי די פער-שפרייטער. די פעלשער-באנדע איז ליק-ווידירט געווארען אויף אזא אופן:

דעם 6. פעברואר פ.י. זענען די צוויי לאדזער קאזשימיעזש קרינגער און סטא-ניסלאוו לוטשאק געפאהרען קיין זגערזש בעזוכען לוטשאק'ס שוואגער, מאקארע-וויטש. דארט האט קרינגער דערלאנגט מאקארעוויטש'ן א 5-זלאטי - באנקנאט, כדי צו קויפען בראנפען. נאכ'ן אפעסען וועטשערע, זענען קרינגער און לוטשאק ארויס פון מאקארעוויטש'עס שטוב אין דרויסען מיט א דראשקע געפאהרען צו זייער בעקאנטען באלעסלאוו נימעצקי. ווען זיי זענען אנגעקומען אויפ'ן בע-שטימטען ארט, האט קרינגער געגעבען לוטשאק'ן א 5-זלאטי-באנקנאט צו בע-צאהלען דעם דראשקאזש. נאך דעם זאל-בען טאג איז דער דראשקאזש אריין אין א געוועלב קויפען א ליכט. ווען ער האט געגעבען דעם 5-זלאטי-באנקנאט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער באנקנאט איז א פאלשער. ער איז אוועק און קאמוניסאר-ריאט מעלדען וועגען דעם און דערביי געשילדערט, ווי עס האט אויסגעזעהען זיין פאסאזשיר.

אויף דעם גרונד זענען ארעסטירט גע-ווארען קרינגער און לוטשאק. קרינגער האט זיך באלד מודה געווען, אז די פאלשע באנקנאטען האט ער בעקומען פון א געוויסען יענדזשעיצקי פון בזשע-גאשטש. שפעטער האט ער צוריקגעצויי-גען די טענה און ערקלערט, אז די פאל-סיפיקאטען האט ער בעקומען פון קאז-שימיעזש לעוואנדאווסקי.

די רעוויזיע אין לעוואנדאווסקי'ס וואוי-נונג האט בעוויזען, אז ביי איהם איז גע-ווען א גוט-איינגעאָרדנעט געלד-פאבריק-קעל. קרינגער האט נאך צוגעגעבען, אז ער האט פון לעוואנדאווסקי'ן בעקומען 500 שטיק פאלשע 5-ער זלאטיס. פאר פערשפרייטען דאס פאלשע געלד איז אויך ארעסטירט געווארען דער 26-יעה-ריגער יוזעף סאבטשאק.

די ווייטערדיגע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז אין דער פעלשער-אפערע איז אויך פערמישט לעוואנדאוו-סקי'ס 65-יעהריגער פאטער. דעם אלטען האט מען געפונען נישט אין דער היים, נאר אין א בעקערי. ווען פאליציי איז אנגעקומען אין דער בעקערי, האט דער אלטער לעוואנדאווסקי צוריסען עטליכע צעהנדליג פאלשע 5-ער זלאטים. ווענען דעם, אז מען זוכט דעם אלטען, האט איהם מיטגעטיילט צעציליא קאלינאוו-סקא. און רעזולטאט זענען אויך דער אלטער לעוואנדאווסקי און קאלינאווסקא ארעסטירט געווארען.

נעכטען זענען אלע געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק אין לאדזער קרייז-געריכט.

אלע, א חוץ קרינגער'ן און קאזשי-מיעזש לעוואנדאווסקי'ן האבען געליי-קענט שטיין און ביין.

קרינגער'ס פערטיידיגער, אדוו. אל-ברעכט האט דאן בעמערקט, אז קרינגער איז פסיכיש נישט נארמאל. צוליב דעם איז קרינגער אונטערזוכט געווארען דורכן געריכטס-דאקטאר הערוויטש, וועלכער האט פעסטגעשטעלט, אז קרינגער איז ביים פולען פסיכישען געזונד און פאר זיינע מעשים איז ער פעראנטווארטליך.

עס ווערען אויסגעהערט 32 עדות, וועלכע געבען אפ בעלאסטענדע ערקלע-רונגען און — לעוואנדאווסקי ווערט פער'משפט אויף 4 יאהר שווערע תפיסה און צו פערלירען אלע רעכט; קרינגער — אויף אנדערטהאלבען יאהר תפיסה און פערלירען אלע רעכט.

די איבריגע אנגעקלאגטע זענען בע-פרייט געווארען.

—:0:—

בעריכטיגונג

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאטיץ אין „לאדזער טאגעבלאט" פון 18. יא-נואר ד. י. וועגען אנ'ארעסט אין וואלפ'ס רעסטאראן נארוטאוויטשא 5, מאכט מען אונז אויפמערקזאם, אז אין דעם דער-מאנטען רעסטאראן זענען קיין שום ארעסטען נישט געווען.

די איבערגעדערמאנטע אינפארמאציע האבען מיר דערהאלטען פון רעפארטער-רען-ביורא „פאלפרעס".

ערשטער קלאנג-קינא-טעאטער אין לאדז
SPLENDID
היינט און ווייטערע טעג! צויבערנדע קלאנג-פילם-אפערעטע פון דער „אופא"-פראדוקציע רעזשיסירט פון עריק פאמער
דער וועג צום גן-עדן
אין די הויפט-ראלען די בעצויבערנדע און רייצענדע
LILJAN HARWEY i OLGA TSCHECHOWA
אנהויב פון סעאנסען 6, 8, 10 אוו. שבת, זונטאג און חגאות 4, 6, 8, 10 אוו.

ערשטער קלאנג-קינא-טעאטער
Splendid
לעצטע-פארשטעלונג
מארגען, שבת, און איבערמארגען זונטאג, צו צוויי פארשטעלונגען
„אויף סיביר"
מיט יאדוויגא סמאסארסקא אין דער הויפט-ראל
אנהויב 12 און 2 אזייגער מיטאג, פרייזען פון פלעצער 1 זל. 1.50
פון 4 אזייגער נאכמיטאג נארמאלע פארשטעלונג פון אפערעטען-פילם
א. נ. „דער וועג צום גן-עדן"

פון אומזאץ פאר 1930
לעצטער טערמין איז דעם 15. פעברואר

ביז'ן 15. פעברואר איז צייט אפצו-געבען דורך אלע סוחרים „דעקלאראציעס" אויפ'ן אומזאץ-שטייער פאר'ן יאהר 1930. מען מוז געדענקען, אז די אלע, וואס וועלען ביז'ן דערמאנטען טערמין נישט אפגעבען קיין דעקלאראציעס וועגען אומזאץ, וועלען שפעטער נישט האבען קיין רעכט אויף אפעלאציעס אויף דער אויסמעסטונג פון דעם שטייער.

—=0§0=—

יובליי-פייערונג פון רעדאקטאר לאזאר קאהאן אין לאדז

שבת, ד. 31. ד. ח. ארדענט איין די היגע פאלקיסטישע ארגאניזאציע די 25-יעהריגע יובליי-פייערונג פון דעם פער-דינסטפולען זשורנאליסט און גרינדער פון דער לאדזער פאלקיסטישער ארגא-ניזאציע רעד. לאזאר קאהאן. דער יובי-ליי איז פערבונדען מיט א פייערליכער אקאדעמיע אין איגענעם לאקאל (זשע-לאנא 10א). צום סוף א באנקעט.

פלענאר-זיצונג
פון קרן-היסוד-קאמיטעט

היינטיגע וואך איז פארגעקומען א פלענאר-זיצונג פון היגען קרן-היסוד-קא-מיטעט ביי דער אנוועזענהייט פון די אנ-געזעהענסטע קה"י-עסקנים. עס איז אפ-געגעבען געווארען א בעריכט פון דער קרן-היסוד-אקציע אין שטאט, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט'ן בעזוך פון דיכ-טער לייב יפה. מיט צופרידענהייט איז פעסטגעשטעלט געווארען דער פערדיענסט-פולער פערלויף פון דער אקציע לטובת דעם אויפבוי-פאנד פון ארץ-ישראל, פאר וועלכער דאס פער-שטענדניש איז דאך נישט אפגעשוואכט געווארען, נישט קוקענדיג אויפ'ן הער-שענדען קריזיס.

די אנוועזענדע קה"י-עסקנים האבען בעשלאסען ווייטער אנטעמען מיטצו-ארבייטען אין קאמפיין לטובת דעם קרן-היסוד, וואס ווערט אנגעפיהרט דורך דעם דעלעגירטען פון קה"י-דירעקטאר-יום ה' אשר קאלאדני פון תל-אביב.

—:0:—

שפאלטונג
ביי די לאדזער „פראקעס"

אין דער ארגאניזאציע פון די לאדזער „פראקעס" איז ארייינגעטרעטען א שפאלטונג. איין פליגעל געהט מיט דער פאליטיק פון יאווארסקי'ן, דער אנ-דערער — מיט מאראשעווסקי'ן.

פאטט-פעקלעך
קיין פראנקרייך

ביז אצט זענען אויף דער לאדזער פאסט אנגענומען געווארען פעקלעך קיין פראנקרייך מיט געוויסע בעגרענצונגען. אצט זענען די בעגרענצונגען אפגע-שאפט. און אלע טיילען פראנקרייך קאן מען שיקען פאסט-פעקלעך פון 15 און 20 קילא.

טעאטער און קונסט

חיה'לע גראבער
אין די ווערק פון י. ל. פרץ „מוסר" און „נאך קבורה"

חיה'לע גראבער געזעגענט זיך מיט'ן יודישען לאדז, וואס האט זי אויפגענו-מען מיט אזויפיל בעגייסטערונג און דאנקבארקייט. דערפאר אבער וועט די קינסטלערין אויפטרעטען אויף איהר לעצטען אפשיידס-אוונד און א גאר בע-נייטען פראגראם פון א גאר גרויסען סצענישען און ליטעראַרישען ווערט. חיה'לע גראבער וועט שפילען אויף איהר זונטאג'דיגען קאנצערט און דער „פיל-הארמאניע" צוויי קליינע מייסטער-ווערק פון י. ל. פרץ, און „מוסר" און אין „נאך קבורה".

חיה'לע גראבער ערפילט דערמיט דעם וואונש פון א גרויסען טייל פון דער יו-דישער קריטיק און אויך פון פובליקום, וועלכעס געדענקט זי פון איהרע דראמא-טישע אויפטרעטונגען אין דער „הבימה" און וויל זי ווידער זעהען אין א דראמא-טישען ווערק.

אין ביידע ווערק פון י. ל. פרץ דער-זעהט דער נייער צושויער אונזער טאַ-לענטירטע קינסטלערין אין גאר א נייעם ליכט. מען בעקענט זיך אין די צוויי מי-ניאטורען מיט א גרויסער דראמאטישער שוישפילערין פון אנ'אונגעהויערען טעמ-פעראמענט און אנ'אונגעוועהנליך-רייכער פילפארביגקייט.

פון „ארדט"

היינט קומט פאר די פירמע פרעמיע-רע אין: „ארדט" פון היינטיגען סעזאן. דאס פראגראם בעשטעהט פון 12 נו-מערען און הייסט ס'רעדעל דרעהט זיך".

היינט די „גאלדגרעבער" פאפולערע פארשטעלונג אין „הזמיר"

די פאפולערע פארשטעלונגען פון דעם „יודישער טעאטער-סטודיע" אין הזמיר ציהען צו א גרויסען עולם. די „טעאטער סטודיע" האט בעשלאסען צו געבען נאך דריי פארשטעלונגען צו פאפולערע פריי-זען פון 50 גר. א.ז. היינט ווערט געשפילט צום דריטען מאל שלום עליכם'ס אויסגעצייכענטע קאמעדיע „די גאלדגרעבער". מארגען שבת און זונטאג י. ל. פרץ'ס — „אין פאליש אויף דער קייט" וועלכע ווערט געגעבען שוין צום פער-צעהנטען און פינפצעהנטען מאל.

גרויסער פילהארמאנישער קאנצערט

א זעהר גרויסען אינטערעס האט ארויסגערופען דער קאנצערט פון פיל-הארמאנישען ארקעסטער, וועלכער קומט פאר קומענדיגען דינסטאג אוונט אין פילהארמאניע אונטער דער ליטונג פון בעליבטען דירינענט ה' אוננאצי נוי-מארק.

אלס סאליסט טרעט ארויס דער וועלט בערימטער יודישער וויאלאנטשעל-מייסטער ה' עמנואל פייערמאן.

ראדיא פראגראם

פרייטאג 23 יאנואר

לאדז (233,8) 11.58 שעה צייכען 12.05 גראמאפאן מוזיק 1.15 פארלעזען פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר 3.50 פראנצויזישע לעקציע 4.15 גראמאפאן מוזיק 5.15 פארטראג 5.45 גראמאפאן מוזיק 6.45 פערשי-דענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס קאמער און פארלעזען פון פראגראם אויפ'ן נעכ-סטען טאג 7.25 גראמאפאן מוזיק 7.40 ראדיא פרע-סע זשורנאל 7.55 גראמאפאן מוזיק — 8 מוזיקאלי-שער שמועס 8.15 סימפאנישער קאנצערט נאכ'ן קאנצערט „פ.א.ט" וועטער, פאליציי, און ספארט קאמוניקאטען 23 גראמאפאן מוזיק

שבת 24 יאנואר.

לאדז (233.8) 11.58 שעה צייכען 12.05 גראמ. מוזיק 1.15 פארלעזען פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר. 3.50 ראדיא טעכנישער פאסט קאסטען 4.15 גראמאפאן פליטע 4.30 ארטיסטים ווינקעלע 4.45 וויגקעלע פאר יונגע טאלאנטען 5.15 פארטראג 5,45 קאנצערט פאר קינ-דער 6.45 פערשידענעס 7.10 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס קאמער און פארלעזען פון פר. אויפ'ן נעכסטען טאג 7.25 גראמ. מוזיק 7.40 ראדיא פרעסע זשורנאל 7.55 גראמאפאן מוזיק — 8 טעליפ-טאן א. נ. „טעלעפאקסען אין דער קימפדיגער מל-חמה" 8.15 פארטראג 8.30 לייכטע מוזיק — 10 טעליפ-טאן 10.15 שפעטן קאנצערט 10.35 „פ.א.ט."‎, וועטער פאליציי און ספארט קאמוניקאטען ווי אויך טאנץ מוזיק פון ווארשא.

פערשאלטען בלוט
גרויסער שפאנענדער ראמאן פון דער היינטיגער צייט

(132 פארטזעצונג)

— הער גראף ריינפעלד, איהר האלט. אז עס איז נישט מעגליך, אז די יונגע פרוי איז אומגעקומען אין די פלאמען? — האט גראף געץ פלוצלינג זיך אנגערופען.

— א. זאל גאט היטען! דאס גלויב איך נישט. זי האט עקסטרע געמאכט אנ'אנשטעל און איז דערווייל ענט-לאפען, ווער ווייסט, אין וועלכער געגענד זי וועט שפעטער ווידער אויפטרעטען אין איהרע שווינדלערייען אנהויבען פון דאסניי. פריהער איז אונזער פריינד אלפרעד ארייג-געפאלען.

— האלט זיך איין, הער גראף, האלט זיך איין! — איז אדעלהייד אריינגעפאלען דעם יונגענמאן אין די רייד, און איהרע באקען זענען געווארען רויט פון אויפרעגונג און איהרע אויגען האבען גענומען פלאמען פון צארן.

אנ'איבעררעשטער האט עדגאר געמאכט א טריט צו-ריק. — איך האב מיך אליין איבערצייגט, אז דאס יונגע מעדעל איז אנ'עהרליכע און פיינע. — האט אדעלהייד ווי-טער גערעדט מיט פייער. — זי האט מיין ברודער אויפריכטיג און חיים געליבט. און ווען איהר ווייסט עס נאך נישט, קען איך מיטטיילען, אז איך האב בעשלאסען מיך אנצונעמען פאר די אומגליקליכע און זי אריינצופיהרען אין אונזער הויז! — האט זי פערענדיגט, דאן האט זי זיך ליכט פער-נויגט און זיך געווענדעט צום גראף געץ:

— קען איך בעטען אייער ארעם, הער גראף?

שנעל האט איהר דער גראף געץ דערלאנגט דעם ארעם און זי ארויסגעפיהרט פון צימער.

בלאס ווי א טויטער, מיט פינקלדיגע אויגען איז גראף עדגאר געשטאנען און אנגעקוקט די צוויי ארויס-געהענדיגע מענשען.

פלוצלינג האט ער זיך געווענדעט צום באנקיר און מיט כעס א זאג געטון:

— הער ראזען, וואס זאל דאס בעדייטען? האט מען מיך ספעציעל בעליידיגט?

דער באנקיר האט א קוועטש געטון מיט די אקסלען.

— וואס איהר זענט מכבד מיט אייער טאכטער'ס בעליי-דיגענדער אויפפיהרונג? — האט דער גראף ארויסגעציטערט.

— איך ווייס נישט, מיט וואס מיין טאכטער האט אייך בעליידיגט, הער גראף ריינפעלד.

— די אנוועזענהייט פון גראף געץ איז שוין א בע-ליידיגונג פאר מיר! — האט עדגאר ווידער אויסגערופען.

— איך געפין דאס נישט איין, מיין טאכטער האט גע-וואלט, אז גראף געץ זאל זי ארויסבעגלייטן פון צימער. איך קען איהם נישט שטערן דערין. — האט דער באנקיר געענטפערט.

עדגאר האט זיך געביסען די אונטערשטע ליפ. דעם באנקיר'ס רייד האט איהם פשוט צוגענומען דעם שכל.

— איך וועל שוין דעם ענין ערלעדיגען מיט'ן גראף געץ! — האט ער דאן אויסגערופען.

— ווי עס געפעלט אייך! — האט דער באנקיר גע-ענטפערט און האט ווידער א קוועטש געטון מיט די אקסלען.

דער יונגער מענש האט אמביציעז אויסגעשטרעקט די ברוסט.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען הער גראף, ווען איך וועל אייך בעטען אפצולעגען אייער בעזוך אויף אנ-דער מאל. דרינגענדע געשעפטען נויטיגען מיך, אייך צו פערלאזען, — האט דער באנקיר געזאגט און האט זיך אויס-געדרעהט מיט'ן רוקען.

גראף עדגאר האט פערקריצט די ציין, אבער ער האט זיך נישט פערלוירען.

— זייט מוחל, איך האב נישט געוואוסט, אז איך שטער. דאך — אפשר וואלט איהר געוואלט כאפען מיט מיר א קליינעם שמועס וועגען א געשעפטליכער אנגעלעגענ-הייט?

— געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען? איך ווייס נישט, וואס פאר א געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען מיר קענען צו-זאמען האבען, — האט דער באנקיר ראזען געענטפערט.

— איהר זענט דאך מיין פאטער'ס באנקיר?

— יא', איך האב דאס פערגעניגען, ארויסצוהעלפען אייער פאטער אין געלד-ענינים.

— נו, מיין ענין איז אויך א געלד-זאך. איך וואלט אייך געבעטען אויף מיין אנווייזונג מיר צו בארגען א פאר טויזענד גולדען.

— איך בעדויער, הער גראף, עס איז מיר אוממעג-ליך צו ערפילען אייער וואונש.

— וואס איהר זאגט מיר אפ מיין ביטע? — האט עדגאר געשטאמעלט און ער איז נאכאמאל געווארען בלייך ווי א מת.

— עס טוט מיר זעהר לייד, הער גראף. — האט דער באנקיר געענטפערט, דאן האט ער זיך פערבויגען און דורך דער אנדערער טיר האט ער פערלאזט דאס צימער.

עדגאר איז געבליבען אליין. זיין פנים האט זיך גע-קנייטשט און זיינע פויסטען האבען געציטערט פון צארן.

— אזא דורכפאל! — האט ער געמורמעלט. — גראף געץ, דו וועסט עס פיהלען אויף זיך.

דאן האט ער געטון א פראל אויף די טיר און איז שנעל ארויס.

25-טע קאפיטעל
אוועקגעפיהרט

אין דער זעלבער צייט, ווען די צוויי איידעלע מענ-שען, גראף געץ און אדעלהייד, האבען זיך אינטערעסירט מיט'ן גורל פון אומגליקליכען מעדעל, איז בעלא פון דעם אויסוואורף ריינהארד אוועקגעפיהרט געווארען.

(פארטזעצונג קומט).

יוסף הצדיק

(ענדע פון זייט 7

תּוּם, אז אין צווי וואכען ארום האט ער זיך אנגעטריבען באדען און טויך, אנדערפריה און און אוועגט. שפעטער האט ער אויך גענומען זיך פערפומירען אזוי, אז ער האט פער'סמ'ט די לופט און גאנצען שלאס. איך האב איהם אפילו געמוזט פערהוהרען צו נוצען פערפיום און האב איהם געזאגט, אז מענער דארפען קיינמאל נישט נוצען קיין אנדער זאך, א חוץ אדעקאלאן.

— א, אנדרעא!

— שפעטער איז מיר איינגעפאלען צו ארגאניזירען א דראפּישע ביבליאטעק. איך האב זיך איינגעשאפט עטליכע הונדערט מאראלישע ראמאנען און זיי אויס געליהען אלע אונזערע פויערים און אויך מיינע ראיז-רינגער. צווישען מיינע קאלעקציע ביבער האבען זיך ארויסגעכאפּט עטליכע ביבער... עטליכע בינ'ער... פאפּ-שישע... פון די, וואס צוטומלען די געהירען... פון יונגע פענסיאנערען און סטודענטען... איך האב זיי אוועקגעגעבען איהם, מיין הויז-רינגער. דאס האט איהם געוויזען דאס לעבען... דאס לעבען און א מאדנעם לוכס אזא.

— א, אנדרעא.

— ווייטער בין איך געווארען מיט איהם היימיש, האב איהם גענומען „דויצען". איך האב איהם א נאמען געגעבען יוסף. מיין טייערע, ער איז געווען אין א צושטאנד... ער איז געווארען מאגער, ווי... א האהן... און האט געמאכט מיט די אויגען, ווי א משוגע'נער. דאס איז איינער פון מיינע בעסטע זומערס...

— און דערנאך?...

— דערנאך... יא... איינמאל, ווען מיין מאן איז געווען אוועק, האב איך גע-היסען יוסף'ן שפאנען די ברושקע צו פיהרען מיך אין וואלד ארויין. עס איז געווען זעהר היים, זעהר היים... דאס איז עס!..

— א, אנדרעא, דערציילט מיך אליין... איך האב אזוי הנאה צו הערען.

— נו, טרינק א גלעזעל שארטרעין, א נישט וועל איך איינע אליין אויסלייי-דינגען דאס גאנצע פלעשעל. נו, שפע-טער, אויפ'ן וועג, איז מיר געווארען נישט גוט

— ווי קומט עס?

— ווי נארויש די ביסט! איך האב איהם געהאט געזאגט, אז איך וועל באלד זיך פיהלען נישט גוט, אז ער זאל מיך אוועקלייגען אויפ'ן גראז. דערנאך, ווען איך בין געווען אויפ'ן גראז, האט מיך גענומען שטיקען, און איך האב איהם געזאלט אוועקשיקען? איך האב נישט לען דאס קלייד. דערנאך ווען איך בין געווען פינאנדערגעשפילעט, האב איך פערלוירען דאס בעוואוסטזיין.

— איינגאנצען?

— פערטערט, גארנישט.

— ניי?

— ניי! במעט א שעה צייט האב איך געמוזט פערבלייבען בעוואוסטלאז. ער האט נישט געקאנט געפינען קיין מיטעל. איך בין אבער געווען גערולדיג און האב געעפענט די אויגען נישט פריהער, ווי ער איז נעוועז געפאלען.

— א אנדרעא!... און וואס האסטו איהם געזאגט?

— איך האב איהם גארנישט געזאגט. האב איך דען פון עפעס געוואוסט? איך בין דאך געווען בעוואוסטלאז! איך האב איהם בעדאנקט. איך האב איהם געהייסען מיך ארייגזעצען צוריק אין ברישקע, ער האט מיך צוריקגעבראכט אהיים. ער האט מיך אויך שיער נישט איבערגעקעהרט ביים אוי-דרייען זיך.

— א, זגי! עס! און דאן און? נא"?

— זאג און גאר...

— בלויז איינמאל האסטו פערלארען דעם בעוואוסטזיין?

— בלויז איין מאל, זאג איך דיר! איך האב נישט געוואלט מאכען אט דעם כלאפ פאר מיין געליבטען.

— האסטו נאך דעם איהם נאך אליין געהאלטען ביי זיך?

— געוויס! ער איז נאך אפילו איצט ביי מיר. פארוואס האב איך עם איהם געזאלט אוועקשיקען? איך האב נישל וואס צו בעקלאגען זיך אויף איהם.

— א, אנדרעא! און ער האט דיך נאך אליין ליב?

— אהא!

— וואו איז ער?

די בארא'נעסע האט אויסגעשטרעקט די האנט צו דער וואנט און א דריק געטאן דאס עלעקטרישע גלעקעל. די טיר האט זיך כמעט גלייך געעפענט; א הויכער יונג איז אריינגעקומען, פערשפרייטענדיג ארום זיך א שטארקען ריח פון אדעקאלאן.

די בארא'נעסע האט איהם געזאגט:

— יוסף, מיין יונגעל, איך האב מורא אז איך פיהל זיך נישט מיט אלעמען. געה, רוף ארויין מיין שטוב-מעדעל.

דער יונג איז געבליבען שטעהען אונ-בעוועגליך, ווי א סאלדאט פאר אנ'אפּי-צער, אנשטעלענדיג א ברענענדיגען בליק אויף זיין בעל-ביתטע.

— נו, — האט זי געזאגט, — געה שנעל, דו גרויסער נאר. מיר זענען איצט נישט אין וואלד. ראזאליע וועט מיך בע-האנדלען בעסער פון דיר.

ער האט זיך א דרעה געטאן אויף די קנאפעל און איז ארויס.

די גרעפין, א צוטומעלטע, האט גע-פרעגט:

— און וואס וועסטו זאגען דיין שטוב-מעדעל?

— איך וועל איהר זאגען, אז עס איז שוין אריבער. ניין; איך וועל איהר מא-קע דיינסען, זי זאל מיך פינאנדערשפילען דאס וועט מיך מאכען לייכטער... איך קאן נישט כאפען דעם אטעם. איך בין שיכור... מיין טייערע... שיכור ביז צום פאלען, אויב איך וועל זיך נאר אויפהויבען.

יודיש: נ. פערלמאן

פון דער סדרה

(ענדע פון זייט 8

זאגט דער דערמאנטער מדרש, איז נישט געמיינט, אז די יודען האבען געהאט ליכטיג אין זייערע שטעט, דארט אין גושן, וואו זיי האבען גע-וואוינט, נאר אין די וואוינונגען פון די מצריים, וואו זיי, די מצריים. הא-בען געהאט א שטארקע פינסטערניש, דארט האבען יודען געהאט אנ'אויסער-געוועהנליך שטארקע ליכטיגקייט, דורך וועלכע מען האט געקענט זעהען, וואס ס'געפינען זיך אין פערשלאסענע פע-סער, קאסטענט און פערבארגענע אוצ-רות. דאס איז געווען דערפאר, כדי ס'זאל זיין א מעגליכקייט, אז די יו-דען זאלען ארויס פון מצרים מיט א גרויס רייכטום, לויט דער הבטחה „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", דהיינו, זיי זאלען קריגען געבארגט פון די מצריים זייערע טייערסטע זאכען, וואר-רום דורך דעם, דעמאלט ווען א יוד איז געקומען צו א מצרי, וועגען באר-גען זיך א טייער חפץ און דער מצרי האט געזאגט, אז ער האט גארנישט אזא חפץ, האט איהם דער יוד אנגע-וויזען דאס ארט, וואו ס'געפינט זיך. ס'איז אויך דעריבער געשטיגען צווי-שען די מצרים דער צוטרוי צו יודען, זעהענדיג, אז די יודען האבען ביי זיי גארנישט גע'גזל'ט אין די דריי פינ-סטערע טעג. (באר מים חיים).

* *

כשלחו כלה גרש יגרש אתכם מזה, דבר נא וישאלי איש מאת רעהו. דער המשך פון די דאזיגע פסוקים ערקלערט זיך דערמיט, וואס די אומות עולם האבען פערשפרייט א קלאנג, אז די מצריים האבען ארויס-געטריבען די יודען פון זייער לאנד, דערפאר, ווייל די יודען זענען געווען א שפל'דיג פאלק, אזוי ברענגט דער יוסיפון לדומיים, אז אזוי שרייבט אויך אפיאנו דער גראמאטיקער רמ"ש. אבער דאס, וואס יודען זענען ארויסגעגאנ-גען מיט א גרויס פערמעגען, בעווייזט דאס געגענטייל, ווארום אין אזא פאל, פארוואס האבען די מצריים געלאזט, אז די יודען זאלען ארויספיהרען דאס גרויסע פערמעגען זייערס.

(רבי ר' יונתן אייבעשיץ.)

* *

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו. די גמרא זאגט (ב"ק), „כלבים ציעקים מלאך המות בעיר", דעמאלט, ווען הינד שרייען, איז דער מלאך המות אין שטאט. אט דאס זאגט דער פסוק, אז פון יודען איז דעמאלט קיינער נישט געשטארבען, אזוי אז קיין הונד האט נישט געבילט. (אור החיים)

* *

זאת חקת הפסח כל בן נכר-וכל ערל לא יאכל בו. א מעשה איז גע-ווען, אז א גוי, א נעצענדינער, פלעגט אלע יאהר קומען קיין ירושלים און פערשטעלענדיג זיך פאר א יוד, האט ער געגעסען פון קרבן פסח. איינמאל איז ער געקומען פאר דעם תנא ר' יהודה בן בתירא און האט זיך בערימט אייער תורה זאגט „כל בן נכר וכל ערל לא יאכל בו", און איך פרעס שטענדיג אין ירושלים פונ'ם בעסטען פון קרבן פסח. „אזוי", ענטפערט איהם ר' יהודה, „דו האסט נור געגעסען פון דעם מאגערן טייל פונ'ם שעפסעל, וועלכעס א גוי מעג עסען, אבער פון דעם פעטען, דהיינו, פון דער, האסטו נישט געגעסען. נאך א מאל, ווען דו וועסט זיין אין ירושלים, זאלסטו דיר הייסען געבען פון דער „אליה". דער ערל האט טאקי אזוי געטון. דאס האט אבער געווארפען אויף איהם א חשד, ווארום די אליה האט קיין יוד נישט געטארט עסען, ווייל מען האט זי מקריב געווען לגבוה. האט מען איהם גע-פרעגט: „ווער האט דיך געבייסען, דאס דאזיגע צו פערלאנגען ?". ר' יהודה בן בתירא האט ער געענטפערט. האט מען איהם חוקר ודורש געווען און מען איז דערגאנגען, אז ער איז א ערל, א נעצענדינער, האט מען איהם דער-הרג'עט. דאן האבען זיי פאלגענדע ווער-טער געשיקט צו ר' יהודה בן בתירא: „שלום צו דיר ר' יהודה בן בתירא, דו וואוינסט אין נציבון און דיין נעץ איז פערשפרייט אין ירושלים.

(גמרא פסחים ג' ע"ב)

קינא
ZACHĘTA
זגיערזשער-גאס 26.

היינט און ווייטערדיגע טעג!
א זעלטען פילם-קונסט-ווערק! — א פילם, וואס פער שכור'ט
ליבע-שמער פון די נאכט
דראמא פון הערצער און גרויסע ליידענשאפטען לויט דער אויסגעצייכענטער נאוועלע פון ג. קרייצלער, רעאליזאציע פון גלענצענדען אייראפּעאישען רעזשיסער Wiktor Jansen
די הויפט-ראלען קרעאירען:
J.Stüwe, Lil Dagover, Aleksander Murski

אויסגעצייכענ. ארקעסטער אונטער לייטונג פון י. סטעפאנסקי
אנפאנג פון די סעאנסען אין די וואכען טעג 4 א זייגער נאכ-מיטאג. — שבת, זונטאג, און חגאות 12 א זייגער פארמיטאג.
דער זאל איז גוט געהייצט.



Słuchawki, detektory, głośniki, aparaty odbiorcze
oraz części radjo-elektrotechniczne poleca
Inż. Juljusz Hamer
6-go Sierpnia 1, telefon 188-58
Uwaga: ładowanie akumulatorów.

Dr. med. H. Gutsztadt
אקושער-גינעקאלאג
Zachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 129-52
נעמט אן פון 5 ביז 7 אוונט.

Dr. med. Z. DATYNER
אורינאלאג
ספעציאליסט פאר נירען-, בלאז און אורין-קראנקהייטען
Piramowicza 2, tel. 148-95
נעמט אן פון 9 ביז 10 פריה און 6—8 אוונט.

לעזט דאס „לאדזשער טאגעבלאט"

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגיע און נערווען-קראנקהייטען.
קווארץ לאמפּ-על עמרישער הייל-קאבינעט-האסמעטיק
וועטיג פון 8 א זייגער פריה ביז 9 אוונט
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג
באזונדער ווארטע צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זלאטעס

Dr. Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגיעלניאנא 36
טעלעפאן 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע. אלע-ארט אנאליזע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראלען.
נעמט אן פון 9—2, און פון 5—9 אוונט, באזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

א שותף (שותפ'טע)
מיט א קאפיטאל ביז 2000 זלאטיס (פאר'ן אריינ-געלעגטען קאפיטאל ווערט גאראנטירט) צו א געזיכערטע פרנסה ווערט פון זאפארט געזוכט. אדרעסען אפצוגעבען אין פערמאכטע קאנווער-טען אין אדמיניס. פון „ל.ט." אונטער „M. T."

א מעבלירט צימער
פאר איינעם אדער צווי יונגעלייט זאפארט איבערצוגעבען צו ערפאהרען אין אדמיניסטרא-ציע פון „ל. ט." אונטער „מעבלירט צימער"

צוריקגעקעהרט
Dr. med. M. Heller
ספעציאליסט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע
נאוראט 2, טעל. 179-69
נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אוונט
פאר פרויען פון 4—5 נאכם.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פרייזען.

Dr. med. St. Praport
Ginekolog Urolog
ספעציאליסט פאר פרויען און אורין קראנקהייטען
נעמט אן פון 6—8 אוונט
גדאנסקא 77ª, טעל. 208-95
אין לעטשניצע „סאניטאס", ציגעל-גאס 29
פון 11 ביז 1 מיטאג.

Lekarz-Dentysta
LEWINSON-KARMAZYN
6-go Sierpnia 2 (róg Piotrkowskiej)
przyjmuje od 10—1 i od 3—7 p.p.

פוילישע שפראך
ווערט ערלערנט גרינדליך דורך א קורצער צייט
וואכאדניא 29, וו. 3.

פייער—לעבען—און גנבה-
פערזיכערונגען
נעהם איך אן פאר די גרעסטע פערזיכערונגס-געזעלשאפטען
P. Z. Gliksman, Łódź
Zawadzka 16a Tel. 164-47.

Dr. Ludwik Falk
נאוראט 7, טעל. 128-07
הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 אוונט.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה
אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך, אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום ילך בטח ומעקש דרכיו יודע
איבער דעם זאלסטו נאר קומען אין ביורא
פון ד. מאנעלא
וואס איז איבערגעטראגען געווארען פון צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף
פיעטריקאווער 17, לינקע אפיצינע
פארטער, טעל. 124-95
וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, גענויסטגהאפּט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילנע, קארנע האנדלאווע, אפעלאציעס, אדוואלאניעס, קלאוזולעס זאבעזפּיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות אין אורזשאנד ראזימעטשי. ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. בעמ.: קלאוזולעס און זאבעזפּיע-טשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין משך פון 24 שעה.
מיט אכטונג ד. מאנעלא,
פיעטריקאווער 17, 1-טער הויף

ביי קאנטמאכונג
מיר מאכען בעקאנט אונזערע ג' קונדען אז פון 1-טען יאנואר ה. י. האבען מיר געעפענט פאלגענדע אפטיילונגען פון אונזער פאבריק:
1) פארבעריי, 2) אפרעטור, 3) מערצעריזאציע, 4) שליכטעריי 5) בלייכעריי
מיט אכטונג ברידער גייע
לאדז, זגערזשער 96

בוכהאלטעריע
איינפאכע און דאפּעלטע (איטאליענישע און אמעריקאנישע)
אויך מאשין-שרייבען און רעכענען לערן איך אויס גרינדליך פאר 30 זל. בלויז מאשין-שריי-בען 10 זל. קילינסקיעגא 50 (פריהער צע-געלניאנא 55) קווער אפיצינע 1-טער שטאק. מיר ערטיילען אויך קארעספּאנדענץ, האנדעלס אריטמעטיק און סטענאגראפיע.

טוך- און קארט-לאגער
Sz Maroko, Łódź
נאוואמיעסקא 2 פראנט 1 שטאק טעל. 159-48
עמפפעהלט צום וויגטער-סעזאן א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע און בעסטע דאמען- און מענער שטאפען

צו פערמיטען
א לאקאל פון 4 פענסטער אין ערשטען שטאק פאמארסקא 17. צו ערפאהרען ביים וועכטער אדער טעלעפאן 206-49.

א שאפער
א פוילישער יונגערמאן, וועלכער האט גע-ענדיגט דעם שאפער קורס מיט פראקטיק און האט א פראווא יאזדי זוכט א פאסטען קען אויך זיין אלס געהילף-שאפער ביי א קליינע גאזשע. אפערטען אין אדמיניסטרא-ציע פון „לאדז. טאגב. אונטער „שאפער".

אכטונג!
איך מאך בעקאנט, דאס איך בעשעפטיג מיך ווייטער מיט אונטעריכט ערטיילען: די פוילישע און דייטשע שפראך גרינדליך. ביכ-האלטעריע, קארעספאנדענץ און מאשינשרייבען. אלגעמיינע געגענשטענדע. פארבערייטונג אין מיטעל-שולען. קארעפעטיציע אין ענצעל און גרופּענווייז. ספעציעלע מעטאדע פאר שוואך ענטוויקעלטע און גייסטיג-שוואכע קינדער מיט גוטען ערפאלג. פריוואט-לעהרער
ג. גרינבוים,
קאנסטאנטינער 46, לינקע אפיצינע 1 שטאק.

וויכטיג פאר די, וואס געלד איז ביי זיי טייער!
איך קויף מעבעל, דיוואנעס, שרייב' מאשינען, אנציגער און פערשידענעגעט גענשטענדען. כ'צאהל די בעסטע פרייזען שענקעוויטשא 23 אין מעבעל-געשעפ-
א. ווייצמאן
בעמ.: ביי מיר איז שטענדיג אויף לאגער שעהן מאדערנע מעבעל ביליג.

וויכטיג פאר דאמען!
נאר פאר 2.50 זל.
מאכע איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע. נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבערא-בייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט דעם אדרעס:
23 זאוואדזקא 23
אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער.
בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין פיינער אויס-פערטיגונג — 50 פראצ. ביליגער ווי איבעראל
„TOLA"

דאמען-סאקעוועס
פון אלטע פילץ-היט אהן אונטערשיד מענער-אדער דאמען-היט, מאך איך די שענסטע פא-סאנס סאקעוועס אין פיינסטער אויס-פיהרונג צו שפאס ביליגע פרייזען.

השבת אבדה
דער קונה, וואס האט יענער וואך מיטוואך דעם 14-טען יאנואר איבערגעלאזט ביי מיר אין קאלאניאל, פרוכטען און דעליקאטעסען געוועלב אויף פולנאצנא 2 א פעקעלע. זאל זיך מעלדען ביי מיר אפצונעמען געגען סימנים און אנאנס-קאסטען. ירחמיאל איצקאוויטש

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש
אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אנ-געוועהטאגטע ענינים זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא
פעטריקאווער 17
2-טער הויף פארטער
דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס, קלויזולעס און זא-בעזפּיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען איז משך פון 24 שעה. אפּע-לאציעס, אפּאזיציעס, אדוואלאניעס, רע-קורסען וועגען פעטער, וויזעס אין קא-מיסאריאט-זשאנדר, וועקסעל-אינקאסא אויף גאנץ פוילען און גאליציען ווערען פינקטליך און געוויסענהאפט ערלעדיגט צו די ביליגסטע פרייזן. שותפות-אקטען, סטאטוטן, איבערזעצו אינטערציזיעס, אקטו, דאראווינעס אלערליי ספּראוועס ווערען אנגענומען אדורכצופיהרען, עווענ-טועל מיט אנ' דוואקאט.
די איינציגע טאכטער
פון ישראל מאנעלא
2-טער הויף פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, טעל. 148-79.
בעמ.: דאס ניי - „געבאקענע" מאנעלא-ביורא אויפ'ן ערשטען הויף האט נישט קיין שום שייכות מיט'ן לאנג-עקזיסטירענדען ביורא, וואס געפינט זיך
אין צווייטען הויף פארטער
טעלעפאן 148-79

א שניט-לאגער
וואס געפינט זיך אין לידזבארק אויף פאמערן ביים הויפּט-מארק מיט 2 גרויסע וואוינונגען פון זאפארט צו פערמיטען אדער צו פערקויפען. עווענטועל זוך איך א שותף מיט א קאפיטאל ביז 20,000 זלאטיס.
Roman Bożenski, Lidzbark Pom.
Plac Hallera 25.

די עלעגאַנטסטע און פּרעהליכסטע אימפּרעזע פון היי - יעהריגען קאַרנאַוואַל איז דער

מאַסקען-באַל

לטובת „אוזדראַווישקא"

מאָרגען, שבת ד. 24-טען ד. ח. 11 אַ זייגער ביינאַכט

אין די זאַלען פון „פילהאַרמאָניע"

אַ סך אויסערגעוועהנליכע אַטראַקציעס און סיורפּריזען. – גליקס-ראַד. טאַנץ-קאָנקורסען. – צוויי פּערגרעסערטע אָרקעסטער'ס. – ביליגער און רייך-פּערזעהענער בופעט. – באַר א. א. ביליעטען צום פּרייז פון 8 זל.

גרעסטער, עלעגאַנטעסטער אָבער דער ביליגסטער אויסוואַהל פון

בעקומט מען נאָר ביי

פּיעטריקאָווער 9 **I. NASIELSKI** פּיעטריקאָווער 9

טעלעפאָן נומער 147-03 טעלעפאָן נומער 147-09

מעבעל

שלאָף-צימער, עס-צימער, קאַבינעטען,

אין עמפּפעהל די שעהנסטע

ווי אויך איינצעלנע שטיק אויף די בעסטע בעדינגונגען, צו די ביליגסטע פּרייזען.

אָנקוקען מיין געשעפט אָן קויפצוואַנג.

Henryk Pfeffer,

פּיעטריקאָווער גאַס נומער 111

גרויסער יעהרליכער אויספערקויף

עם וואַרעי פאַרגענגדע סחורות צום פערקויה בעשטימט:

500 מענטעל פון 60 זלאָטיס אַ | 1500 היטען פון 10 זלאָטיס אָן | 2000 קראַוואַטען פון 1,50 זל. אָן

2000 העמדער פון 10 זלאָטיס אָן | 500 פּאַר שיך פון 30 זל. אָן | 4000 פּאַר זאָקען פון 1 זלאָטי אָן

פון 15-טען ד. ח. אָן פעלצען מיט 25 % ראַבאַט ווי אויך אַלע אַנדערע מאָדע - אַרטיקלען מיט 20 % ביז 50 % ערמעסיגט

קלאַנג - פילם

Grand-Kino

אָנהויב פון די סעאַנסען 4 נ"מ, שבת, זונטאָג און חגאות 12 אַ זייגער מיטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אַ זייגער אָוו.

היינט און טעגליך!!!

דער שוין לאַנג נישט געזעהענער און פון שעהנעם געשלעכט ערוואַרטעטער **Iwan Petrowitsch** אין קלאַנג - פילם

בערוישענדע נעכט

דראַמע פון אַ דאָן-זשואַן, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל ליבע קע-נענגעלערנט אין די הויפּט-ראָלען:

Iwan Petrowicz, Gräfin Agnes Esterhazy, Brite Appelgreen

אין נעבען-פּראָגראַם: „אַ פרעהליכער פּריזיער אין קאָנקירענט פון הצב" אין נעבען-פּראָגראַם:

LUNA

אויסערן-פּראָגראַם:

הערליכע קלאַנג-צוגאַבען.

היינט און וויטערע טעג!

פון דער פילם - פאַבריק מעטראָ גאָלדווין מייער ערשטער קלאַנג - פילם פונם רעזשיסערען - קעניג **Cecil B. de Mille**

דינאַמיט

מעכטיגע דראַמע פון מענשליכע ליידענשאַפטען, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די צענטרעס פון פּראַכט און אין קוילען - גרובענס

אין די הויפּט-ראָלען:

CONRAD NAGEL, KAY JOHNSON

אָנהויב פון די סעאַנסען 3.30 נמ. שבת, און זונטאָג 11 מיטאָג לעצטער סעאַנס 10 אָוו. פּרייזען פון פּלעצער אויפ'ן ערשטען סעאַנס פון 1 זל. פּאַססאַרטוען און הנחה-בילעטען נישט-גילטיג

רעווי-טעאַטער

„Dobry Wieczór"

אין אייגענעם נייעם לאָקאַל אויף קאָפּערניקאַ 16, טעלעפ. 184-66.

צופאַהר מיט די טראַמוואַיען: 5, 6, 8, 9 און 16.

היינט און טעגליך!! גרויסע רעווי - שלאָגער-פּרעמיערע! נייעסטע פּערל פון די רעווי - שלאָגערן!

„וויוואַט, זאַקאַפּאַנע"

סנעמט אָנטייל דער גאַנצער קינסטלערישער-אַנסאַמבל: רענסקאַ, טאַמסקאַ, יאַנעצקי, קאָזשאַרסקי, דאָמבראָווסקי, גראַנאָווסקי, אויך דער ליבלינג פון לאָדז **p. Melodystówna**

– – – ווי אויך די ניי אָנגאַזשירטע אַרטיסטינס **IRENA RÓZIŃSKA** אַרטיסטין פון „Qui Pro Quo" **HELENA BORZEWSKA** פילם-שטע ן. – – –

קינסטלערישער לייטונג: K. Brzeski רעזשי: M. Dąbrowski קאַפּעלמייסטער: S. Sternlicbt דעקאָראַציעס: St. Frasiak

טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 7.30 און 9,30 אָוו. שבת, זונטאָג און יום-טום 5,30. 7,30 און 9,30 אָוו. – צו דער בעקוועמליכקייט פון ג' פּובליקום ווערט דער פערקויף פון בילעטען פּאַרקימען אין „Reklama Polska" פּיעטריקאָווער 101.

KINO-TEATR

SPÓŁDZIELNI

Sienkiewicza 40.

היינט און וויטערע טעג!

דריי אַטראַקציאָנס-נעמען:

Camilla Horn, John Barrymore i Victor Varkonyi

אין זייער פּראַכטפולען עראָטישען פילם א. נ.:

„דער קעניג פון די בערג"

לויט'ן בעריהמטען ווערק פון **Jacób Krzysztof Heer**

רעזשיסירט פון גאָניאַלען **Ernest Lubitsch**

אָנהויב פון די סעאַנסען 4 אַ זייגער נאָכמ. שבת זונטאָג און חגאות 2 נאָכמיטאָג לעצטער סעאַנס 10 אָוו. אויפ'ן ערשטען סעאַנס זענען די פּרייזען צו 60 גראָשען. הנחה-בילעטען גילטיג אַלע טאָג.

KINO-TEATR

„PALACE"

אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג, שבת, זונטאָג און חגאות 12 מיטאָג. אויפ'ן ערשטען סעאַנס אַלע פּלעצער צו 50 גראָשען.

לעצטע צוויי טעג!

ערשטער פילם פון 1930-1931 מיט דער לאָדזשער ליבלינגין, דער בעריהמטסטער אַקטריסע פון דער וועלט **HENNY PORTEN** ווי אויך דער ראַסאָווער **GUSTAW DIESSEL** אין דער ריזיגער דראַמע אויפ'ן מאָן פון דער טראַגעדיע פון דיקינדערלאָזע פרויען – א. נ.

אהן האַרץ—אהן אַ נשמה

אין קורצען גרויסער דאָפּעלט-פּראָגראַם אין קורצען

Clara Bow און **Hanny Jugo**

סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון לעאָן קאַנטאָר.

היינט און וויטערדיגע טעג! — 2 שלאַגערס אין אַ דאָפּעלט-פּראָגראַם:

GEORG BANCROFT אין אַ גרויסען סענסאַציאָנעלען פילם א. נ.:

ביי דער שוועל פון טויט

II. מיר בויען אויף קרעדיט

גלענצענדע פאַרס אין 10 אַקטען פון עמיגראַנטען-לעבען. די אַקציע קומט פאָר אין צענטער פון וואָלקען - קראַצער און מיליאָרדערען אין ניו-יאָרק אין די הויפּט-ראָלען די וואונדערבאַרע

Kelly Charles Muray און **Chester Couklin**

KINO TEATR

CZARY

אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך נאָכמיטאָג, שבת, זונטאָג און חגאות 1 מיטאָג. אויפ'ן ערשטען סעאַנס. אַלע פּלעצער צו 50 גראָשען.

געשעפט און פאַבריקס-לאָקאַל צו פערמיטען

אַ זעהר שעהן געשעפטס-לאָקאַל בעשטעהענד פון אייניגע צימערן, ווי אויך 4 פאַבריקס זאַלען אין בעסטען צענטרום פון שטאָט פון זאָפאָרט צו פערמיטען. צו ערפאַהרען ביי א. פּאַטשינסק 6. שערפּיען 32 ביז 10 אַ זייגער פריה און פון 2—4 אַ זייגער נאָכמיטאָג טעלעפאָן 207.53

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט טייל איך העפל. מיט מיינע ג' קונדשאַפט, אַז מיין באַל-טואַלעטען אַטעליע איז געוואָרען איבערטראָגען פון זגערזשער 28 אויף **פּלאַץ-קאָשטשעלני 4** טעל. 141-35 און בארג אויס זעמטליכע באַל-טואַלעטען ווי אויך **חופּה-קליידער** פון די נייעס טע פאַסאָנען צו מעסיגע פּרייזען. סאָלידע בעהאַנדלונג. איך עמפפעהל מיך וויטער דערג' קושאַפט.

מיט אַכטונג

S. GLIKSMAN

Pracownia oraz Wypożyczalnia sukien

Plac Kościelny 4, tel. 141-35

אַ לאָקאַל צו פערדינגען

אין בעסטען צענטרום פון דער שטאָט פּאַרטער, פּאַסענד פאַר אַ געשעפט עווענטועל פאַר פאַבריק, אָדער לאַגער, אַ סאָרטירעריי ווי אויך פאַר עקספּעדיציע. עס איז פערזעהן מיט עלעקטרישע בעלייכטונג און טעלעפאָן. ווי אויך צו פערקויפען פערשידענע ביוראָ-זאַכען: אַ שרייב-מאַשין, אַ האָספּעל-מאַשין, אַ גלעזערנע קאַנטאָר-וואַנד 2 ענגלישע וואָגען, אַ שאַנק, פּאָלצעס, 150 נעפּאַסטע גאַרן-קיסטען, ווי אויך טישען און סחורה שענק. צו ערפאַהרען יעדען טאָג ביז 10 פריה און פון 2 ביז 4 נאָכמיטאָג ביי אָפּאָטשינסקי 6-טעגאַ שערפּניאַ 32 טעלעפאָן 207.53

330

אַ בשורה טובה

פאַר עלטערן, וואָס זייערע קינדער לערנען אין פּאָווישעכנאַ שולען.

די לייטונג פון בעוואוסטען אָרטאָדאָקסישען נאָכמיטאָג-חדר פאַר קינדער, וואָס לערנען אין פּאָווישעכנע שולען, מאַכט בעקאַנט דאָס נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט ווערט דאָס חדר פולשטענדיג רעאָרגאַניזירט און פערפולקאָמט אויף אַלע געביטען פון למודי קודש ס'ווערט געלערנט דורך מלמדים ספּעציאַליסטען עברי, חומש, רש"י, תנ"ך משניות, גמרא אַ פערגרעסערטער קורס פאַר העברעאיש (רעדען און שרייבען) אויך יודישע בריף זעלבסט צוזאַמענשטעלען. צוליב'ן קריזיס הנחה-פּרייזן

פּלאַץ וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6

קווער אָפּיצינע, איינשרייבען קען מען זיך טעגליך פון 2 ביז 7 אָוונד.

עס איז פערלוירען געוואָרען

אַ בלאַנקאָ וועקסעל אויף 500 זל. אויסשטעלער ב. י. דערעשינסקי אָדרעס: ג. ל. קרעניצער און נ. יונאָוויטש. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען גענען בעלוינונג אָבצוגעבען צו נ. יונאָוויטש פּאָמאַרסקאַ 6. גליכצייטיג ווערט דער וועקסעל ערקלערט פאַר אונגילטיג.

אַ שדכן

וואָס פערקעהרט אין בעסערע הייזער ווערט געזוכט. אָפּערטען אָפּצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט" אונטער „S. F."

השבת אבדה

דינסטאָג ביינאַכט געהענדיג פון וואָלבאָרסקאַ ביז קאָנסטאַנטינער איז פערלוירען געוואָרען אַ דאַמען-לאַטש. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אָפּצוגעבען געגען בעלוינונג אין בערשטען-געוועלב פּראַנט קאָנסטאַנטינער 28

פּאַכמענישע קורסען ביים טעקסטיל מייסטער-פּעראיין זאַכ'דניאַ 73

נעמען אָן נאָך עטליכע איינשרייבונגען אויף קורסען פאַר עלעקטראָטעכניטער, בוכהאַלטעריע און פּאַלקס-ווירטשאַפט. איינשרייבונגען טעגליך פון 6—8 אָוונד. פּראָספּעקטען אומזיסט.

Nauka buchalterji

amerykńskiej i włoskiej gruntownie metodą praktyczną 30. zł. kurs przez jeden miesiąc. Nauka Pisania na Maszynie 10. zł. Zapisy codziennie.

Biuro „Kodekspol"

Cegielniana 61

Załatwia się sprawy: skarbowe, komunalne, wojskowe, handlowe, sądowe: klauzule, zabezpieczenia i t. p.

322

אבאָנעמענטס-פּרייז: [illegible]

אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]

Redaktor-wydawca B. Hamburski

[illegible] K. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska [illegible]